בס"ד

כסלו תשפ"ג

בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE

די פאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות

United Jewish Community of Blooming Grove

## כראָנאָלאָגיע
כראָנאָלאָגישע איבערזיכט

## אַ געבענטשטע יאָר; בלומינגראָוו אינאיינעם!

• אינטענסיווע שתדלנות לטובת הכלל והפרט • אָנגייענדע שריט דורכגעפירט למען הציבור והיחיד דורכאויס דעם קיילעכיגן "מעגל השנה" • אַ יאָר פון איבערמידליכע פעולות לטובה אינערהאַלב יו. דזשעי. סי. פאַר'ן צוקונפט פון אונזער בליענדע שטאט

לאמיר מאכן חזרה.... בלומינגראוו מעגל השנה....

פון ווינטער תשפ"ב ביז ווינטער תשפ"ג

זייט 12

United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

## וויכטיגע באורד וואלן אָפדעיט

זייט 10

## ווידי אחרי...
## בלומינגראוו האָט געזיגט!

זייט 2

## באַלאַנסירטע 'ווילעדזש בודזשעט' צום יאָר '23 למספ' באַשטעטיגט; אָן קיין דאָלער טעקס העכערונג

זייט 9

## געהויבענער מעמד "פתיחת שערים" פון ישיבת אור החיים ד'טאָהש בתוככי עירינו בלומינגראוו

זייט 8

## ווילעדזש וועט איבערנעמען לאקאלע שאטעל ראוטס צו סערווירן דעם ציבור



זייט 26

#3

אין דער סעריע...

## וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל

זייט 21

## ויהי אחרי...

# בלומינגראוו האָט געזיגט!

די אידישע ניו יאָרק האָט נאָרוואָס מיטגעלעבט איינס פון די מערסט – פיבערדיגע און היסטאָרישע "מיד-טורם" עלעקשאָנס, וואָס האָט אַרומגענומען אַלעמען ווי אין אַ שטורעם, מיט היציגע סענטימענטן אויף אַ פאַרנעם וואָס מען האָט זעלטן ווען בייגעוואוינט בעפאָר.

אַצינד ווען די הויכע כוואַליעס האָבן זיך עטוואָס באַרואיגט, ווען די וואַלן - פולווער האָט זיך שוין געזעצט, איז דאָך נישט מער ווי יושר אַ צייט צו כאַפּן אַ שטיקל בליק אויף צוריק, צו באַטראַכטן די סיטואַציע פון אַ בלומינגראַווער קוק ווינקל, מיט'ן פערספעקטיוו פון תושבי עירינו בלומינגראוו המעטירה.

אין אַ צייט ווען ס'איז טאַקע געווען היציגע פאַרמעסטן אויף פילע פּאָזיציעס איבערהאַלב די פאַראייניגטע שטאַטן, אַריינגערעכנט די וויכטיגסטע פעדעראַלע, סטעיט, און לאָקאַלע קאַונטי שטעלעס, האָט דער וואַלן סעזאָן בלי ספק אויך געדינט ווי אַ 'רעפערענדום' און אַ טיפערן איבערזיכט איבער דעם ריכטיגן צוגאַנג, דער מהלך הנכון, וויאַזוי אידן דאַרפן באַהאַנדלען די ברענענדיגע און אַקטועלע טעמעס וועלכע זענען נוגע אונזער לעבן און וואוילזיין ווילאַנג מיר געפינען זיך דאָ אין גלות אמעריקע.

און אַז מען קוקט מיט אן אויפריכטיגן בליק דאַן איז קלאָר פאר אַלעמען אַז **בלומינגראוו האָט ב"ה געזיגט אויף אַלע פראָנטן. בין אדם למקום פונקט ווי בין אדם לחבירו, בגשמיות פונקט ווי ברוחניות!** עס לאָזט זיך זאָגן בפה מלא אַז "דידן נצח"! דאָס איידלקייט, דאָס ערליכע און פראַקטישע באַנעמונג, די אחריות'דיגע און זאַכליכע דרך השתדלנות, וואָס בלומינגראוו האָט אַרויסגעצייגט אין די שטורמישע תקופה, האָט אָן קיין צווייפל געווינען בגדול!

## אונזער שטויענדע געווינס ברוחניות – למען חינוך דורותינו

אַלס דאָס סאַמע ערשטע און דאָס וויכטיגע איז אונזער שטאָט בלומינגראוו אַריינגעקומען מיט אַ הילכיגן דייטליכן מעסעדזש ביי די פאַרלאָפענע וואַלן, געוואָנדן צו די רעגירונג אינסטאַנצן און שטאָטישע טאַטעס - וואָס קוקן אויף אונז מיט אַ פאַרגרעסערונג גלאָז מיטהאַלטנדיג וויאַזוי דאָס קליין שטעטל וואַקסט ב"ה און בליעט אַלס אן "עיר ואם בישראל".

אונזער מעסעדזש איז זייער קלאָר דערהערט געוואָרן אַז טראָץ די פילע אַנגעלעגנהייטן וואָס מיר דאַרפן אָנקומען צו דער גאָווערמענט און ווי שטאַרק מיר האָבן אַ הכרת הטוב פאר אַלעם ביז אַהער, איז **אָבער פאַרהאַן עפּעס וואָס איז אונז העכער פון אַלעם. דאָס פּינטעלע פון אונזער ריינע חינוך, בדרך המסורה לנו, דאָס איז אונז טייערער ווי אַלע סאָרט טעקס שניטן, גרענדס, און וועלטליכע גליקן, ווייל "טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף".**

ביים ענדע פון דעם "עלעקשאָן דעי", **נאָכדעם וואָס יעדער אינדיווידועלער תושב האָט זיך געמאַכט זיין איגענעם באַשלוס ביים וואַל בודקע,** זענען אַרויסגעקומען די הילכיגע ציפערן וועלכע האָבן אָנגעדייט אַז די תורה הק' איז אונזער לעבן! **דער חינוך צאן קדשים איז אונזער העכסטע פּראָיאַריטעט!**

אַלס שליחי הציבור וועמען עס קומט אויס צו קאָנפערירן און כסדר פאַרהאַנדלען מיט די אינסטאַנצן, קענען מיר אייך מעיד זיין אַז **דאָס האָט פאקטיש געברענגט אַ ווייטגרייכנדע אָפּקלאַנג** מיט אן אויסטערלישן קידוש ה'. דער מעסעדזש איז זייער הויעך דערהערט געוואָרן קליפּ און קלאָר. ברוך המקדש שמו ברבים!

## "בלומינגראוו באחדות" אויך אין אַזאַ היציגן וואַל-סעזאָן

אונזער באַליבטע בלומינגראוו האָט גלייכצייטיג באַוויזן אַ זעלטענעם חידוש'דיגן קונץ דורכאויס די פאַרלאָפענע וואָכן,

אין אַ צייט וואָס די חרד'ישע גאַס אין גרעיטאָר ניו יאָרק איז פּאָליטיזירט געוואָרן מיט אַ צעהיצטן וואל – פיבער וואָס געדענקט זיך שוין נישט לאַנגע יאָרן; אין אַ צייט וואָס די געפעכטן האָבן דערגרייכט צו גאָר אומאויסגעהאַלטענע שטאַפּלן ווען גאנצע געגנטער און געמיינדעס זענען טיף איינגעטינקן געוואָרן אין דעם פּאָליטישן ספעקטאַקל וואָס האָבן זיך דערקייקלט צו פערזענליכע שטאַפּלן; **איז אָבער**

**בלומינגראוו נישט אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין דעם היץ קאַמפּיין!** מיר האָבן דאָס פולקאָם אויסגעמיטן אַדאַנק דעם מאָטאָ וואָס באַגלייט אונז פון דעם ערשטן טאָג: "בלומינגראוו באחדות", בכח היחיד ובכח הרבים!

מיר אַלע איינוואוינער קענען עס באַשטעטיגן בפה מלא: **דאָ ביי אונז אין שטאָט איז ב"ה נישט געווען קיין שום "וואַלן פיבער"!** דאָ איז נישט פאָרגעקומען קיין היציגע געפעכטן און קיין שטרייטן אפילו "לשם שמים" און "לשם החינוך"... **די רואיגע איידעלע האַרמאָניע וואָס כאַראַקטעריזירט אונזער שטאט איז ב"ה נישט צעשטערט געוואָרן אפילו אויף אַ ווייל.** ועל זאת תפארתינו וגאותינו!

נישט לייכט איז דאָס אָנגעקומען. **פאַקטיש זענען מיר געקומען אונטער נאָכאַנאַנדע שווערע דרוק פון פּאָליטישע אינטערעסן, אידישע ווי להבדיל גוי'אישע, מבית ובמחוץ,** וועלכע האָבן געטון אַלעס אין זייער מעגליכקייט אַז בלומינגראוו זאל נעמען אַ שטעלונג; בלומינגראוו זאל אַרויסלייגן מיינונגען, אינדאָרסירן קאַנדידאַטן און ארויסלייגן סעמפל בעלאטס בעפאר דעם וואל טאג און מישן דעם פּאָליטישן טאָפּ, פונקט ווי ערגעץ אַנדערש און איבעראל.

אָבער טאַקע דערפאַר האָט אַזוי הערליך אָפּגעקלינגען אונזער שטילקייט מיט אַזאַ קידוש שם שמים.

די איידעלע באַנעמונג פון אונזער שטאט האָט פּראָקלאַמירט מער פון די העכסטע קולות אַז אין בלומינגראוו קוקט מען נישט אויף קיין פּאָליטיק; מיר ווערן נישט פאַרוויקלט אין דרויסנדיגע געפעכטן פון אַנדערע פלעצער; **מיר ווילן נישט בשום אופן אַריינברענגען קיין היץ און קיין פּאָליטישע ווילדע קאַמפּיינען אויף קיין שום זייט.** ווייל דאָהי אין שטאָט ווערט אַלעס דורכגעפירט בסבר פנים יפות, מיט'ן כלל פון "שמוע בין אחיכם - ותשועה ברוב יועץ", מיט אַ פרידליכע באַנעמונג אָן קיין איבעריגע פּאָמפּע.

**ואכן, חפץ ה' בידינו הצליח!** די רעזולטאַטן פון אַזאַ סאָרט מהלך האָט זיך קלאָר אַרויסגעשטעלט ווען **אויך אָן די אַלע ביליגע פּראָפּאַגאַנדע האָט בלומינגראוו אַרויסגעברענגט איבערראַשנדע ציפערן, ווי קיינמאָל בעפאָר,** ביי די שטום בודקעס. דאָס האָט געצייגט קבל תבל ומלואה אַז "דברי חכמים בנחת נשמעים", עס פעלט אינגאַנצן נישט אויס צו פירן שטורמישע קאַמפּיינען,

**מען קען דאָס זעלבע, און נאָכמער, אויפטון בדרכי נועם, "ברידערלעך אינאיינעם" מיט אַ ריזן באַטייליגונג פון וויילער וואָס מיינען בלויז דעם ריכטיגן תכלית פון "אם אין אני לי, מי לי".**

## אלף נכנסים! אונזער געווינס אין ציפערן בכמות

לאָמיר טאַקע אַ בליק טון אויף די פאַקטישע רעזולטאַטן פון די פאַרלאָפענע עלעקשאָנס - ווי מיר האָבן עס אויסגעשמועסט אין דעם "אָפענעם בריוו" בעפאָר די וואַלן אַז די איינציגע זאַך וואָס פּאָליטיקאַנטן באַטראַכטן זענען די למעשה'דיגע ציפערן, וויפיל שטימען זענען אַרויסגעקומען פון דער שטאָט. דאָס איז וואָס מאַכט באמת אַ דיפערענץ אויפ'ן עתיד, אָפּגעזען פאר ווען און וואָס מען האָט געשטימט.

**בלומינגראוו האָט ב"ה נישט אַנטוישט!** אין אַלע פּאָליטישע קאָרידאָרן, אין דער קאַונטי, אין אָלבאַני און זאָגאַר ביז וואַשינגטאָן, שטייט מען געפּלעפט און מען קוקט מיט וואונדער וויאַזוי **אַזאַ קליינע שטעטל ציינגט אַזאַ פענאָמענאַלער וואוקס אין וויילער,** פון נאָנט צו 25 פּראָצענט העכער יאָר יערליך! **ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ.**

מיט קנאַפּע צוויי יאָר צוריק, ביי די 2020 עלעקשאָנס, איז אַריינגעקומען צווישן די אידישע וויילער דאָהי אין ווילעדזש עטוואָס אונטער 600 שטימען. ווידעראום אַ יאָר צוריק, ביי די נאָוועמבער עלעקשאָנס, האָבן מיר אַרויסגעברענגט אומגעפער 750 שטימען. **אַצינד, ביי די יעצטיגע וואַלן איז אַריינגעקומען אַ דראַמאַטישע נאָנט- צו -טויזנט שטימען! אלף נכנסים!**

**"טויזנט אָפּגעגעבענע שטימען" איז אַ נומער וואָס קיין שום פּאָליטיקאַנט קען נישט איגנאָרירן,** אָבער נאָכמער פון דעם עצם ציפער איז דאָס למעשה אַ מאַכטפולע אָנדייטונג אויף די בליענדע וואוקס בליעה"ר פון דער שטאָט וואָס איז הולך וגדול מיט יעדן פארבייגענדן יאָר. ווען די ציפערן דאָפּלן זיך באַשיינפערליך מיט יעדע עטליכע יאָר.

דאָס האָט געברענגט צו אַ מציאות אַז אַלע פּאָליטישער אָבזערווירער און אינסטאַנצן וועלכע מאַכן זיך דעם חשבון וויפיל אויפמערקזאַמקייט מען דאַרף געבן פאַר אַ געגנט, ווייסן זייער קלאָר אַז **בלומינגראוו דאַרף מען צופרידנשטעלן!** עס לוינט פשוט צו פאַרזיכערן אַז בלומינגראווער איינוואוינער באַקומען זייערע געברויכן, ווייל **דאָ האַנדלט זיך עס פון אַ ציבור וואָס זיצט נישט אינדערהיים!** ס'איז די רעדע פון אַן אויפגייענדע גרויסע שטאָט **וואו מענטשן האָבן אַן אחריות, מען קומט פאַקטיש אַרויס מיט אַ מאַסיוון "טורן אַוט" צו העלפן זיך אליינס,** צו העלפן די אייגענע שכינים און צו העלפן די אייגענע געגנט.

בלומינגראוו האָט ב"ה נישט אַנטוישט! אין אַלע פּאָליטישע קאָרידאָרן, אין דער קאַונטי, אין אָלבאַני און זאָגאַר ביז וואַשינגטאָן, שטייט מען געפּלעפט און מען קוקט מיט וואונדער וויאַזוי אַזאַ קליינע שטעטל ציינגט אַזאַ פענאָמענאַלער וואוקס אין וויילער, פון נאָנט צו 25 פּראָצענט העכער יאָר יערליך! ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ.

## ווייל דאָס פאַרשטייט יעדער בר דעת אַז אַ פּיקטשער מיט'ן פּאָליטיקאַנט קען מען נישט דעפּאַזיטן פאר קיין שום מוסדות התורה והחינוך, נישט פאר קיין רעגירונג הילף ווען מען נויטיגט זיך דערינען, און נישט פאַר'ן חינוך הטהור...

ס'איז נישט קיין ספק אַז מיר אַלע וועלן נאָך בעז"ה געניסן לאַנגע יאָרן פון די געבענטשטע פּירות וואָס אונזער מינימאַלע אָנשטרענגונג האָט געברענגט!

דאָס קומט נאָכמער צום אויסדרוק ווען מען באַטראַכט די "עווערידזש טורן אַוט" אין די אַרומיגע געגנטער. אונזער קאַונטי **"אָראַנדזש קאַונטי", פאַרמאָגט 250,000 רעגיסטרירטע וויילער, וואָס אין געוועהנליכע אומשטענדן איז דער טורן אַוט אַ קנאַפּע 25 פּראָצענט פון די באַרעכטיגטע וויילער.** ווידעראום אונזער ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו האָט אַרויסגעברענגט אַ קנאַקעדיגע נאָנט צו 55 פּראָצענט שטים באַרעכטיגטע וויילער! דאָס רעכנט אויך אַריין די נישט אידישע איינוואוינער אין שטאָט. **אויב פאָקוסירט מען בלויז אויף די היימישע שטימען פון אחבנ"י אין בלומינגראוו דערגרייכט מען צו אַ שטוינענדע כמעט 90 פּראָצענט "טורן אַוט"!**

אַזאַ ערשיינונג קלינגט אָפּ זייער ווייט מיט אַ מאַכטפולע הכרזה אַז **"בלומינגראוו איז דאָ פאר ביזנעס"!** מיר זענען פאָקוסירט אויף אונזערע וויכטיגע אישוס, און מיר מיינען עס זייער ערנסט! יעדער פּאָליטישער ערווײלטער ווייסט אַצינד אַז **אין בלומינגראוו קען מען נישט מאַכן קיין דיעלס אונטער'ן טיש, מען דאַרף פּשוט זיכער מאַכן אַז די איינוואוינער באַקומען זייערע באַרעכטיגטע פאַרלאַנגען** ווייל בלומינגראווער אידן זענען מכיר טובה ווער עס העלפט זיי!

## בלומינגראוו

## ערוועלט קאַנדידאַטן פאר "אונזער טובה" נישט אויף פּאַרטיי - ליניעס

באַזונדער האָט מען דאָס צוריקגעהערט פון קלוגע אידן אומעטום און פון שתדלני הציבור אויך פון אַנדערע געגנטער, וועלכע האָבן באַוואונדערט די אחריות'דיגע באַשלוס פון "בלומינגראוו באחדות" נישט צו פאַרקויפן אונזערע אינטערעסן פאר קיין שום פּאָליטישע פאַרטיי. **דאָ אין שטאָט האָט מען נישט אָפּגעגעבן די שטימע פאר די גאַנצע דעמאָקראַטישע אָדער רעפּובליקאַנער ליניע, נאר מען האָט אויסגעקליבן יעדע פּאָזיציע באַזונדער לויט די אינטערעסן פון "אונזער שטאט".**

בלומינגראוו איז געווען כמעט די איינציגע היימישע געגנט וואו דער ציבור האָט געשטימט פאר קאַנדידאַטן פוןביידע פאַרטיי ליניעס. מען האָט נישט געקוקט אויף די קליינליכע אידעאָלאָגישע דיפערענצן נאר בלויז אויפ'ן תכלית הנרצה, צו אריינשטימען אַזעלכע קאַנדידאַטן וועלכע האָבן אונז געהאָלפן 'בעבר' און וועלן אונז העלפן 'בעתיד', אָפּגעזען פון זייער פאַרטיי אפילאציע.

ס'איז באמת געווען דערפרישנד ביז גאָר, סיי פון אַ תורה'דיגן און אידישן פּרעספּעקטיוו, און נאָכמער פון אַ פּאָליטישן בליק, וויאַזוי **אין בלומינגראוו איז מען פולקאָם "בייפּאַרטיזאַן", ווייל מען טוט צו דער זאַך! מען האַלט זיך צו אונזערע אישוס און מען ערוועלט אונזערע פריינד!**

פון איין זייט אין דעם פּאָליטישן ספּעקטרום האָבן מיר געהאַט אַן אינטעגראַלן טייל אין דעם זיג פון דעם יו. עס. קאָנגרעסמאַן, **מר. פּעט רייען**, וואָס האָט געהאָלפן אידישע קינדער אַלס "אָלסטער קאַונטי עקזעקיוטיוו און העלפט אונז כסדר אַרויס זייענדיג אַן אמת'ער אוהב ישראל.

ווידעראום פון דער אַנדערער פּאָליטישער פאַרטיי האָבן מיר אַריינגעברענגט דעם לאָקאַלן סטעיט אַסעמבלימאַן, **מר. ברייען מאהייר**, וואָס אַלס טאַון סופּערווייזער און טאַון אָוו מאָנטגאָמרי איז ער געשטאַנען צו דער האַנט פון אַסאַך אָרטיגע היימישע ביזנעסער. - ווייל בלומינגראוו האָט אינגאַנצן נישט געקוקט אויף קיין פּאַרטיי ליניעס, ווילאַנג דער קאַנדידאַט דינט די אינטערעסן פון אחבנ"י דאָהי און איבער גרעיטאָר ניו יאָרק.

צו דער זעלבער צייט האָט מען אויך באַוויזן צו ארויסוועלן פון אָפּיס אַזעלכע וועלכע האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט זיך אַרויסגעשטעלט צו דיסקרימינירן און בא'עולה'ן אידישע קינדער. אפילו זיי זענען יעצט אָנגעקומען מיט פאַלשע הבטחות איבער גאָלדענע גליקן, קענען מיר שוין ליידער זייערע אמת'ע מאָטיוון און מען איז נישט פאַרקויפט געוואָרן פאַר הוילע פאַרשפּרעכונגען.

**צווישן אַנדערע איז ב"ה אַרויסגעשטויסן געוואָרן איינער פון די אַרכיטעקטן פון דעם שעדליכן "טעקס פּרעזערוועישן" ביל, וואָס האָט אַצינד פאַרלוירן זיין פּאָזיציע און ער וועט מער נישט קענען מאַכן קיין שאָדנס פאַר אידישע שטייער צאָלער,** ולא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי.

## באַשיידענע עפעקטיווע שתדלנות אָן קיין איבעריגע פרסום

אַ באַקאַנטער פענאָמען וואָס מען האַלט געוועגליך מיט ביי אַזעלכע סאָרט וואל סעזאָנען, איז דער העפטיגער געיעג נאָך פּובליסיטי, ווען פאַרטרעטער פון געגנטער, פראַקציעס און קהלות, לויפן נאָך פּאָליטיקאַנטן צו כאַפּן אינאיינעם בילדער און געזען ווערן אין פּובליקום אינאיינעם,

וואָס זאָל אָנדייטן אַז מען האָט אָנגעבליך אָנגעקניפּט באַציאונגען.

איבריג צו ערקלערן וויפיל יעדער נפש היפה איז סולד פון די סאָרט לופטיגע פּראָפּאַגאַנדע. איבערהויפּט דער פריערדיגער דור און ערוואַקסענע אידן וואָס געדענקן נאָך וואָס דאָס הייסט עכטע שתדלנות לטובת הציבור, נישט בילדער און פּובליסיטי, נאר זאַכליכע רעזולטאַטן און תוצאות אויף למעשה.

ווייל דאָס פאַרשטייט יעדער בר דעת אַז **אַ פיקטשער מיט'ן פּאָליטיקאַנט קען מען נישט דעפּאַזיטן פאר קיין שום מוסדות התורה והחינוך**, נישט פאר קיין רעגירונג הילף ווען מען נויטיגט זיך דערינען, און נישט פאַר'ן חינוך הטהור... אַ בילד איז בסך הכל דאָס: אַ בילד. וואָס אין צוגאָב קען עס צומאָל ברענגען אומזינסטע עגמת נפש ווען עס ווערט אויסגענוצט דורך דעם קעגנזייטיגן קאַנדידאַט צו אַטאַקירן און באשמיצן דעם קאַנדידאַט אָדער די אידישע פאַרטרעטער כאילו מען האָט זיך געטראָפן צו פאראויסשטופן אייגענע אַגענדעס.

אָט דערפאַר איז טאַקע ווערד צו נאָטירן אַז אויך אין דעם הינזיכט האָט בלומינגראוו געצייגט **אַ מאָדעל פון ערוואַקסנקייט, אחריות און כובד ראש.**

אין די לעצטע וואָך בעפאָר די עלעקשאָנס האָבן אין בלומינגראוו באַזוכט די העכסטראַנגיגע שרים ורוזנים און אָפיציעלע אינסטאַנצן, נישט בלויז פון דער 'ניו יאָרק סטעיט' נאר אויך פון די הויכע פּאָליטישע שישקעס אין וואַשינגטאָן וועלכע זענען ספּעציעל אַריבערגעקומען דאָהי צו בעטן פאַר אונזער שטימע לטובת זייערע קאַנדידאַטן אינעם סענאַט און אינעם קאָנגרעס האַוז.

צווישן אַנדערע האָבן מיר געהאַט צוגאַסט דעם רעפּובליקאַנער סענאַט מינאָריטעט פירער, **קעווין מקארטי;** קאָנגרעס מינאָריטעט וויפּ, **סטיוו סקאליז;** און **דריי אַמטירנדע קאנגרעסלייט** פון טעקסאַס פענסילוועניע און פילאַדעלפיע, וועלכע זענען געקומען שתדל'ן פאר די קאַנדידאַטן אויפ'ן רעפּובליקאַנער טיקעט. גלייכצייטיג האָבן מיר אָפּגעהאַלטן זיצונגען מיט'ן ןשווין יעצטיגן **קאנגרעסמאן מר. פּעט רייען** און נאך אַנדערע הויכראַנגיגע **דעמאָקראַטישע פירער**, וועלכע האָבן געבעטן אונזער שטימע פאר קאַנדידאַטן אויף זייער טיקעט.

דאָס איז אַלעם באַגלייט געוואָרן מיט גרעסטן נימוס און איינגעהאַלטנקייט. מען האָט נישט פארעפענטליכט קיין בילדער און קיין מעלדונגען. פאַקטיש האָבן מערסטנס איינוואוינער אפילו נישט געוואוסט פון די אינפאָרמאַציע ביז דעם יעצטיגן מאָמענט ווען איר ליינט די שורות...

ס'איז אפילו געווען אַן אינטערעסאנטע ספּעקטאַקל ווען מיטוואָך פרשת לך, פּונקט אַ וואָך בעפאָר די עלעקשאָנס, איז די גאַנצע בנין פון דער "יו. דזשעי. סי." הויפּטקוואַרטיר געוואָרן פאַרזיגלט און פאַרשלאָסן און אונטערזוכט מיט שמעק - הינט און אַנדערע שטייפע זיכערהייט מאָסנאַמען, אין אַ צאַמאַרבעט צווישן די יו.עס. קעפּיטל פּאָליציי און די ניו יאָרק סטעיט פּאָליציי, צו פאַרזיכערן אַז דער בנין איז הונדערט פּראָצענט 'סעיף' צו קענען דאָרט אָפּהאַלטן די זיצונגען מיט די אַמעריקאַנער באַאַמטע פון וואַשינגטאָן.

געוויינליך ווען די סאָרט פּאָליטיקאַנטן קומען אויף אַ פּלאַץ, ווערן זיי באַגלייט מיט גרעסערע און רוישיגע מאָטאָרקאַדעס להגדיל הטראסק, אָבער דאָ אין בלומינגראוו האָט מען זיי געבעטן אַז מיר ווילן דירעקט באַשיידענע און רואיגע מיטינגען, אָן קיין איבריגע גערודער. אַלעס איז דורכגעפירט געוואָרן באַשיידן און מיט אחריות. קיין שום נייעס רעפּארטער איז נישט געוואָרן אַריינגעלאָזט צו די באַזוכן און קיין שום בילד איז נישט פאַרעפנטליכט געוואָרן. מען האָט בלויז גערעדט און געטון אַלעם זאַכליך און למעשה, וואָס ס'איז קיין צווייפל אַז מיר אַלע וועלן נאָך אַסאַך געניסן פון די רעזולטאַטן דערפון!

מיר האָבן דאָס טאַקע זייער קלאָר געמאַכט פאַר יעדן פּאָליטיקאַנט אַז דאָ אין שטאָט איז נישט פאַרהאַן אַזאַ באַגריף ווי אַ "בלאַק וואוט". אידן אין בלומינגראוו זענען נישט קיין סטאַדע שאף וועמען מען קען פאַרפירן מיט זינלאָזע הוילע הבטחות. דאָ איז יעדער יחיד זיין אייגענער "בלאַק וואט", וואָס קוקט אויף וועלכער קאַנדידאַט עס האָט אונז געהאָלפן בעבר מיט פּאַקטישע תכלית!

## ניין, בלומינגראוו פאַרמאָגט נישט קיין "בלאַק וואוט"...

זאל טאַקע ערוועגט ווערן אַ וויכטיגע פּונקט וואָס איז אויסגעשמועסט געוואָרן ביי די אלע זיצונגען מיט די פּאָליטישע באַאַמטע פוןביידע פּארטייען. פילע פון זיי האָבן געוואָלט באַקומען אן אינדאָרסירונג פון דעם "בלומינגראוו בלאַק - וואוט", זייענדיג צוגעוואוינט צו הערן פון אַנדערע געגנטער אַז ס'איז פאַרהאַן אַ "בלאַק וואוט" וואָס אַ פּאָליטיקאַנט קען קומען אָפּגעבן אַ מכובד'יגן באַזוך און דערמיט פאַרזיכערט ער זיך די שטימען פון דעם גאַנצן "בלאַק", כאילו דאָס ליגט אין אונזערע הענט...

מיר האָבן דאָס טאַקע זייער קלאָר געמאַכט פאר יעדן פּאָליטיקאַנט אַז **דאָ אין שטאָט איז נישט פאַרהאַן אַזאַ באַגריף ווי אַ "בלאַק וואוט". אידן אין בלומינגראוו זענען נישט קיין סטאַדע שאף וועמען מען קען פאַרפירן מיט זינלאָזע הוילע הבטחות.** דאָ איז יעדער יחיד זיין אייגענער "בלאַק וואוט", וואָס קוקט אויף וועלכער קאַנדידאַט עס האָט אונז געהאָלפן בעבר מיט פּאַקטישע

תכלית!

ס'איז אויסגעשמועסט געוואָרן אַז מיר קענען נישט און מיר ווילן נישט איינטיילן פאַר'ן ציבור וויאַזוי צו שטימען. ווייל **אונזער אויפגאַבע איז בלויז צו פאַרזיכערן אַז די איינוואוינער גייען טאַקע אַרויס אָפּגעבן זייער שטימע**, אָבער פון דאָרט און ווייטער איז עס די אַרבעט פון דעם פּאָליטיקאַנט צו "דעליווערן" אויף למעשה, אַזוי אַז דער וויילער זאל שפּירן פאַר וויכטיג אים צו אַריינוועלן.

דאָס איז ב"ה אַ באַגריף וואָס די לאָקאַלע באַאַמטע ווייסן שוין זייער גוט פון די פאַרלאָפענע וואַלן, און דאָס האָט מען יעצט נאָכאַמאָל קלאָרגעשטעלט אַז: **"בלומינגראוו איז אַבסאָלוט נישט אויף סעיל!" אין בלומינגראוו פאַרקויפט מען נישט קיין שטימען פאר פּאָליטישע אינטערוועניץ און חנופה!** מיר זענען דאָ בלויז פאַר תכלית און פאר פאַקטישע רעזולטאַטן, וואָס דערפאַר זענען די געטרייע פאַרטרעטער פון "יו. דזשעי. סי." נישט אויסן צו אַהערשטעלן קיין "בלאק וואוטס", נאר יעדער אינדיווידואלער וויילער זאל אליינס אָפּמאַכן ווער ס'איז גוט פאר אונזער טובה.

די פּאָליטיקאַנטן זענען אייגנטליך נישט געוואוינט צו הערן אַזאַ סאָרט שפּראַך אָבער מען האָט געזען אַז דאָס האָט געלאָזט אויף זיי אַן אומגעהויערן איינפלוס. **זיי האָבן באַקומען דעם דערהער אַז מען האַנדלט דאָ מיט אַן ערנסטע וויילער באַזע, וועמען מען קען נישט פאַרקויפן קיין לויזע הבטחות** און וועלכע האַלטן פאַראַנטוואָרטליך אונזערע ערוויילטע באַאַמטע.

ווירקליך האָט מען צוריקגעהערט ווי זיי האָבן אַלע באַוואונדערט דעם סטרוקטור פון אונזער שטאט און אויסגעלויבט דעם ערליכן כאַראַקטער פון אַזאַ געגנט וואו דער דער כח היחיד און דער כח הרבים זענען אַזוי ערליך קאמבאנירט לטובת הכלל והפרט.

זאל אָנגעמערקט ווערן נאָך אַ קרישקעלע אין דעם קייט פון פּרעשור פון אַלע ריכטונגען, ווען קאַרגע צוועלף שעה בעפאָר די שטום בודקעס האָבן זיך געעפענט, אַ נאַכט איידער דעם עלעקשאָנס טעג, איז אָנגעקומען די גוטע נייעס פון אָלבאַני אַז דער ווילעדזש איז ב"ה באַשטעטיגט געוואָרן צו ערהאַלטן דעם לאַנג – ערוואַרטעטן 'גרענט' פון נאָנט צו פינף מיליאָן דאָלער, וואָס וועט ערמעגליכן צו רענאָווירן אונזער אַלטן פאַרנאַכלעסיגטן וואַסער סיסטעם.

איבריג צו ערקלערן אַז דאָס איז נישט געווען קיין "צופאַל" אַז פּונקט אַ נאַכט בעפאָר די עלעקשאָנס -קארגע צען חדשים נאכן אריינגעבן די אפליקאציע- איז אָנגעקומען אַזאַ באַשטעטיגונג וואס נעמט געווענליך עטליכע יאר... דאָס איז געווען געצילט צו נייגן דעם צינגל פון בלומינגראווער שטימען צו געוויסע ריכטונגען...

די געטרייע עסקנים האָבן אָבער געהאַלטן פאַר די אויגן דעם כלל פון "השוחד יעור עיני חכמים", מען האָט דאָס דיסקוסירט בכבוד ראש און וואוסנדיג אַז דאָ איז פאַרהאַן נאָך אַסאַך אַנדערע אישוס און צדדים וואָס דאַרפן אַדרעסירט ווערן, האָט מען באַשלאָסן צו אַנאָנסירן די פריידיגע נייעס הערשט דינסטאָג נאַכט, נאָכדעם וואָס דער לעצטער וויילער האָט שוין אָפּגעגעבן זיין שטימע. צו פאַרזיכערן אַז די 'גרענט' האָט נישט סיי וועלכע אַפעקט אָדער השפעה אויף די וויילער. און אַז תושבי העיר זאלן אָפּגעבן זייער שטימע באַזירט אויף "זייער אייגענע החלטה", נישט צוליב אַ 'גרענט' וואָס מען האָט ב"ה אריינבאַקומען אין די 11'טע שעה בעפאָר די עלעקשאָנס...

## צום שלום; דידן נצח!

דאָס איז אַמאָל קלאָר ווי דער טאָג איז דער וואל – סעזאָן אין בלומינגראוו איז געווען אַן אמת'ער קידוש שם שמים און א פלא וואס ווערט באוואונדערט דורך אַסאַך אַנדערע געגנטער, וועלכע קוקן זיך צו וויאַזוי יעדער איינציגער איינוואוינער שפּירט ב"ה אַז ער איז א גלייכער שותף אין יעדע באשלוס און אין יעדע שריט. אָן קיין היציגע לופט, אָן קיין שווערע געפילן, מיט א רואיגקייט און מיט א פאראייניגקייט.

אַלע האָבן דעם ריכטיגן געפיל וואָס מען זעט באַשייַנפּערליך אַז **אין בלומינגראוו אַרבעט ב"ה נישט דער מהלך פון ציען פעדימער באזירט אויף שמאלע אינטערעסן פון אָפיציעלע קערפּערשאַפטן אדער מענטשן מיט פּריוואַטע אַגענדעס... נאר פונקט קאַפּויער! ס'איז "איך", ס'איז "דיך", ס'איז "אונז אלע"**, וואס פארמירן דעם סטרוקטור פון אונזער באַליבטע שטאט, מיט דעם זעלבן תכלית: לעבן רואיג און צופרידן און מגדל זיין אונזערע קינדער מיט הרחבת הדעת.

בלומינגראוו האָט ב"ה מיט וואָס צו שטאָלצירן! ווייל מיר אַלע האָבן געווינען! דער קאָלעקטיווער כח האחדות פון דער עיר שחוברה לה יחדיו האָט געזיגט דעם וואַלן -פאַרמעסט אויף אַלע שטאַפּלען! און דאָס גיט אונז טאַקע דעם קראַנטן עתיד, מיט פאַקטישע שריט דורך די געטרייע שליחי הציבור, וואס ווען טון אלעס אויף דער וועלט צו העלפן, צו באגלייטן און צו פארזיכערן אז יעדער יחיד און דער גאנצער ציבור באקומט זייערע נויטיגע און בארעכטיגטע באדערפענישן, אויפ'ן שענסטן פאַרנעם, כולנו כאחד למען עתיד עירינו לשם ולתפארת.

ווען מען קוקט צוריק צו די סייעתא דשמיא וואָס מען האָט מיטגעלעבט ביי די פאַרלאָפענע וואַלן, מיט אַזויפיל רואיגקייט און ברודערליכע אחדות, כמנהג בלומינגראוו, הייבט זיך אויף די הענט צום הימל מיט אַ תפלה לקל נורא עלילה, אַז די זעלבע הצלחה און נשיאת חן וואָס האָט אונז באַגלייט ביז אַהער זאָל אונז ווייטער באַגלייטן, השי"ת זאָל אונז חונן דעת זיין צו טון אַלעמאָל דאָס ריכטיגע אויף אַ באַשיידענעם פראַקטישן פאַרנעם, להרחיב פּעלים ולהגדיל גבולי הקדושה, ונמצא חן ושכל טוב בעיני אלקים ואדם, ויהי"ר שתשרה שכינה במעשי ידינו, לעשות חיל למענינו, למען דורותינו, עד ביאת הגואל.

**ובשם ד' נעשה ונצליח!**

חברה עונג שבת בלומינגראוו
עזרה למשפחות הנצרכים לכבוד שבת ויום טוב

ווי געמאָלדן דעם פאַרלאָפענעם ערב סוכות העעל"ט וועט דער פּראָגראַם פון

## "חברת עונג שבת" שע"י קופּת עירינו וועט אָט אָט אַריינגיין אין שוואונג

וואס וועט בעז"ה לינדערן די הימלשרייענדע יקרות און פאַרטיילן עסן פּעקלעך מיט אן הרחבה פאר נצרכים תושבי העיר מדי שבת בשבתו, מיט'ן גרעסטן דרך כבוד ובהצנע לכת.

אין די יעצטיגע טעג ווערט איינגעפעדעמט דער סיסטעם וואס אָפּערירט אין נאָנטן קאָנטאַקט מיט גרעסערע עסן סופּלייערס, און מיט דעם באַרימטן 'פּעפּערמינט' סופּערמאַרקעט, וואָס וועט ערמעגליכן צו אָפּשיקן די פּעקלעך צייטליך און אַפעקטיוו, בספר פּנים יפות, אַז עס זאָל אָנקומען ווי אַ געווענליכע גראָסערי אָרדער אָן קיין שום עקסטערע אויפמערקזאַמקייט.

# נודה לשמכם אנשי חסד היקרים:

ביי דער געלעגנהייט איז אונזער פליכט זיך צו באַדאַנקען פאר הני אנשי חסד וועמענס לייסטונגען פאר צדקה וגמילת חסדים איז אומשאַצבאַר

Total Concrete

ידידינו הנכבדים, האחים החשובים
**הר"ר אליעזר ואחיו הר"ר מענדל ווייס הי"ו,**
ואתם עמם
**הר"ר יושע אלימלך ביטמאַן הי"ו**
וועלכע האָבן בטוב לבם זיך אונטערגענומען לטובת דעם נאָבעלן פּראָגראַם צו
**ספּאָנסערן די ערשטע "4 חדשים"**

Peppermint supermarket

ידידינו הנכבד
**הר"ר יואל ראטה הי"ו**
וועלכע האט געגעבן א פאנטאסטישע סכום למען נצרכי עירינו מיט א
**נדבה פון $20,000**
**צו קענען אנהייבן מיט דעם וויכטיגן פּראיעקט**

## ישלם ה' פעלם הטוב!

צו אַרויפגיין אָדער אַרויפלייגן אַ תושב העיר אויף די ליסטע צו ערהאַלטן די וועכנטליכע רחבות'דיגע שבת פּעקלעך פאַרבינדט זיך אויפ'ן סיסטעם לאָזט איבער אַ מעסעדזש און עס וועט ווערן מסודר בהצנע לכת ובסבר פנים יפות.

רופט אריין
**845.276.0366**
אדער שיקט א אימעיל צו:
BGOnegShabbos@gmail.com

ידידיכם היקרים, הנהלת קופת עירינו - בלומינגראוו
**אברהם משה הכהן ווייס, יצחק אלחנן פעלדמאן**
**אברהם שלום בינער, שמעון ישראל פאזען**

# געהויבענער מעמד "פּתיחת שערים" פון ישיבת אור החיים ד'טאָהש בתוככי עירינו בלומינגראוו המעטירה

## הערליכער מעמד ווערט באַשיינט בהשתתפות כ"ק אדמו"ר מטאָהש שליט"א וואָס דרוקט אויס התפּעלות פון אונזער הייליגע שטאָט און באַדאַנקט זיך פאר ראשי העיר העוסקים בצרכי ציבור באמונה

אין דער היסטאָריע פון חצר הקודש טאָהש איז דעם דאָנערשטאָג פּנחס העעל"ט אָפּגעצייכנט געוואָרן אַ פריידיגע ווענדפּונקט ווען די באַרימטע ישיבת אור החיים ד'טאָהש האָט ענדגילטיג געשלאָסן דעם גמר הקנין אויף אַ רחבות'דיגן שטח המפואר, אין האַרץ פון די היימישע בלומינגראוו, אויף די "גרעיקאורט" רד. וואָס וועט בעז"ה דינען אַלס פּאַסיגע אכסני' של תורה פאר דער הייליגער ישיבה, רבנן ותלמידיהון.

מיט אַ געפיל פון התרגשות דקדושה האָט מען דעם פאַרלאָפענעם מיטוואָך וירא העעל"ט זוכה געווען צו מיטלעבן נאָך אַ רינגעלע אין די הערליכע הרחבת גבולי הקדושה בתוככי עירינו המעטירה, ביי דער פייערליכער מעמד מרומם "פּתיחת שערים" פון דער באַרימטער ישיבת "אור החיים ד'טאָהש", וואָס האָט בשעה טובה ומצלחת געעפנט אירע טויערן אין דעם בנין המפואר, אין האַרץ פון די היימישע בלומינגראוו, אויף די "גרעיקאורט" רד. וואָס וועט בעז"ה דינען אַלס פּאַסיגע אכסני' של תורה פאר דער הייליגער ישיבה, רבנן ותלמידיהון.

דער גרויסער מעמד איז געפּראַוועט געוואָרן בהשתתפות פון דעם גרויסן גאַסט, כ"ק אדמו"ר מטאָהש שליט"א, וועלכער איז געקומען צופאָרן ממעון ביתו צו אַנטייל נעמען ווען מען דערלעבט אַזאַ געהויבענעם מאָמענט בקורות ימי חצר הקודש טאָהש, דאָס התייסדות פון דעם בית גדול לתורה ולתפלה וואו די טייערע בחורי חמד זאָלן קענען אויסשטייגן בסולם העולה בית קל, מיט דעם ריכטיגן "עבודת עבודה" און התמדת התורה במדה גדושה.

מיטוואָך אינדערפרי האָט מען אַנטפאַנגען דעם טאָהש'ער רבי שליט"א וואָס האָט געדאַוונט אַ ווארימער תפלת שחרית אינאיינעם מיט די בחורי חמד. נאָכ'ן דאַווענען איז פאָרגעקומען דער מעמד לחיים און קביעת מזוזה, אינאיינעם מיט די עסקני והנהלת הישיבה און מיט דער אָנוועזנהייט פון די ראשי עירינו בלומינגראוו, וועלכע זענען אייגעלאַדנט געוואָרן צו די מסיבה נהדרה, להביע רננות בעד מפעלם.

ביי דעם מסיבת לחיים האָט דער טאָהש'ער רבי שליט"א אַרויסגעהויבן זיין התפּעלות ותענוג דקדושה אויף דעם וואָס מען האָט ב"ה זוכה געווען צו קובע זיין דעם משכן הישיבה אין אַזאַ מקום קדוש ווי די שטאָט בלומינגראוו.

דערביי האָט דער רבי זיך באַדאַנקט פאר די ראשי העיר וואָס האָבן געטון אַלעס אין זייער מעגליכקייט צו אַרויסהעלפן די בליץ שנעלע ערפענונג פון די שערי הישיבה. אַזוי אַז טראָץ דעם וואָס מען איז אַריין אין קאָנטראַקט בלויז עטליכע מאָנאַטן צוריק, ענדע זומער, איז אַדאַנק זייער הילף און באגלייטונג ערמעגליכט געוואָרן אַלע לעגאַלע אַנגעלעגנהייטן אַז די ישיבה זאל שוין קענען קומען אל המנוחה ואל הנחלה.

דער רבי האָט געוואונטשן לחיים און מאציל געווען מברכותיו פאר די שתדלני הציבור אַז מען זאָל טאַקע קענען מוסיף והולך זיין צו העלפן אידישע קינדער און צו באַגלייטן דעם וואוקס און הצלחה פון דער שטאָט, לרומם קרן העיר לשם ולתהלה.

**תורה מגינא ומצלא, פּתחו לי שערי צדק אבוא בם אודה קה!**





# באַלאַנסירטע 'ווילעדזש בודזשעט' צום יאָר 2023 למספּרם באַשטעטיגט; אָן קיין דאָלער טעקס העכערונג

נאָך לאַנגע מאָנאַטן פון פאַרהאַנדלונגען און בודזשעטינג האָט דער ווילעדזש באָורד פאַרלאָפענעם מאָנטאָג חיי שרה, געשטימט מיט אן איבערוויגענדע מערהייט צו אָננעמען דעם ענדגילטיגן און העכסט באַלאַנסירטן ווילעדזש בודזשעט פאַר'ן קומענדיגן יאָר '23 למספּרם, אָן צולייגן קיין שום העכערונג פאר די איינוואוינער.

ס'האָט ווירקליך אויסגערופן התפּעלות וויאַזוי אַ יונגע אַדמיניסטראַציע מיט היימישע אידן ביים רעדל האָבן באַוויזן דאָס אומגלויבליכע, ווען טראָץ די דראַמאַטישע יקרות און אינפלאַציע וואָס פּרייזן זענען צען - פאַכיג געשפּרינגען פאר אַלע ערליי סערוויסעס און אַרבעט, האָט מען פּרעזענטירט אַ בודזשעט פאַר'ן קומענדיגן יאָר וואָס האָט נישט געהעכערט די טעקסעס אפילו מיט איין איינציגע צענט! אַדאַנק די איבערמידליכע האָרעוואַניע וואָס ווערט אַריינגעלייגט דורכאויס דאָס גאַנצע יאָר צו שפּארן יעדע דאָלער פון איינוואוינער, און באַקומען נויטיגע פאנדינג פאר אינפראַסטראָקטור דורך אַפּליקאַנטן און דעוועלאָפּער וועלכע זוכן צו אינוועסטירן אין דער שטאָט.

מען האָט דאָס צוריקגעהערט אויך פון אַנדערע מוניציפּאַליטעטן אין דער אומגעגנט, און פון דעם סטעיט קאָנטראָלער אין אָלבאַני, וועלכע שטוינען מיט וואונדער אויף די געטרייע אַרבעט פון די שלוחי הציבור, וועלכע האָבן אין אַזאַ יאָר געקענט אַהערשטעלן אַ "סמאַרט פיסקל גאָווערמענט", צו פאַרזיכערן אַז ווען ס'קומט פאר די אינטערעסן פון די תושבים איז מען נאר דאָ צו טיילן און נישט צו באַלעסטיגן מיט נאָך הוצאות.

דאָס איז גלייכצייטיג אַ פּאָזיטיווע שריט פאַר'ן לאַנגען טערמין, ווען די געטרייע ווילעדזש באאמטע אַרבעטן אויף אַלע פראָנטן צו ערלעדיגן די מאַקסימום פאָנדס און גרענטס פון לאָקאַלע און פעדעראַלע רעגירונגען, וואָס אויב

Village of South Blooming Grove
Published by VS BG · Just now ·

It's Cyber Monday in South Blooming Grove!

My fellow Village Residents,

It is with pleasure that I bring the news to you that at the Village Board meeting earlier this evening, the Village Board voted unanimously to approve and pass the Budget for FY2023 with ZERO Increase to your taxes! For the second year in a row!

And NO, it wasn't an easy feat considering the state of the economy, jobs market, inflation, and crisis at the pump, this is the result of diligence and hard work every single day of 2022 to ensure that every penny goes to good use and that we root our wasteful spending, get the maximum grant funding, and that we're running a tight ship.

Thanks to the brilliant team of people around me we were once again able to accomplish this against the odds.

I would like to Thank the Village Board and staff, and my Executive Team as well as the Village Accountants Tim Doyle and team at Bonadio for assisting in pushing this through.

This is what Smart Fiscal Sound Government looks like, and we're all proud of that!

I am proud to be part of this dynamic village, and we look forward to achieve much more for you -our great constituents- in the upcoming year!

How's this for some holiday cheer? You can indeed take it to the Bank!

Happy Holidays!

George Kalaj
Mayor



די רעגירונג זעט אַז די ווילעדזש פינאַנציעלע ווירטשאַפט ווערט טאַקע געפירט סטאַביל אן איבריגע הוצאות, ווייסן זיי אַז די גרויסע גרענטס וועלן פאַרנוצט ווערן ריכטיג. אַזוי אַז ווען ס'איז פאַרהאַן עוועליבעל גרענטס וועט דאָס געשיקט ווערן רואיגער קיין בלומינגראוו, וואוסנדיג אַז דאָ וועט דאָס געלט נישט פאַרשווענדעט ווערן, אַדאַנק די אחריות'דיגע כח הרבים פאר די וואוילזיין פון יעדן יחיד מתושבי עירינו.

United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

# ווייכטיגע באורד וואלן אָפדעיט

דערמיט טוען מיר מעלדן פאר תושבי עירינו המעטירה אַז די

## יערליכע UJC באָורד וואַלן

וועלן אָפגעהאַלטן ווערן דעם קומענדיגן

## דינסטאָג וישב

למספרם Dec. 13

אין די שעות פון 7 ביז 11 אווענט

## אין די UJC הויפטקווארטיר

29 Merriewold Lane South

ווי געמאָלדן וועלן די היי – יאָריגע וואַלן דורכגעפירט ווערן אויף **אַן ערשטמאָליגן שטייגער**, דורך אַ **פראָפעסיאָנאַלע פירמע**, וועלכע פאַרפיגט צו דורכפירן אַנקעטעס פאר באַרימטע קאָאָפעראַציעס און די מעדיקל און אין די לעגאַלע אינדוסטריעס, מיט אַן עקספערטיז און פאַרזיכערונג אַז **די גאַנצע וואַלן פראצעדור ווערט דורכגעפירט עפעקטיוו און קאָנפידענשאל** אויף' העכסטן שטאַפּל.

## אייניגע פונקטן אַנבאַלאַנגט דעם ערשטמאָליגן געניטן סיסטעם

- יעדער איינוואוינער, וועלכער איז רעגיסטרירט צו שטימען אין די אַלגעמיינע עלעקשאָנס, **וועט באַקומען אין דער פּאָסט, אַ ספּעציעלע קאַרטל, וואָס וועט אַנטהאַלטן זיין פּערזענליכע "פּעסוואָרד",** וואָס בלויז דערמיט וועט מען קענען זיך באַטייליגן אין די וואַלן. עס וועט זיין אוממעגליך צו שטימען אָן דעם פּריוואַטן "פּעסוואָרד". **דער פעסווארד איז נישט באהאפטן צו אייער שטימע בשום אופן, עס איז סך הכל אייער "שליסל" צו די דיגיטאלע שטים פלאטפארמע.**
- עס וועט זיין צוויי אָפּציעס: אָדער צו אָפּגעבן אייער שטימע **דורך אַ לינק אין קאָמפּיוטער**, אָדער וועט מען קענען **אַראָפּקומען פּערזענליך צו דעם UJC הויפּטקוואַרטיר** וואו מען וועט קענען שטימען טראדיציאנאל דורך א "פּאַפּיר בעלאט" אָדער דורכ'ן קאָמפּיוטער, יעדער לויט זיין אויסוואַל.
- דער נייער סיסטעם וועט בעז"ה פאַרזיכערן אַז ס'זאָל אָפּגעגעבן ווערן די מאַקסימום שטימען פון תושבי עירינו, אַז **יעדער איינוואוינער בלי יוצא מן הכלל,** אפילו אויב ער געפינט זיך נישט פונקט יענעם טאָג דאָ אין שטאָט, צוליב סיי וועלכע סיבה, **זאָל אויך קענען אָפּגעבן זיין באַרעכטיגטע שטימע** צו אַריינוועלן אונזערע שליחי הציבור.
- לתועלת פון איינוואוינער וועלכע זענען נאָכנישט רעגיסטרירט פאר די אַלגעמיינע וואַלן און ווילן שטימען אין די UJC באָורד וואַלן, **וועט אויפ'ן אָרט פאָרקומען אַ "רעגיסטראַציע דרייוו" דורכאויס די שעות פון די וואלן.** נאָכדעם וואָס מען וועט זיך רעגיסטרירן זיך מיט די משפחה וועט מען תיכף באַקומען אַ קאַרטל מיט אַן אייגענעם "פּעסוואָרד" צו קענען אויסקלייבן רעפּרעזענטאַטן אינעם באָורד.
- דורכאויס די שעות פון די וואלן **וועט זיין צוגעשטעלט רייכע און נאַרהאַפטיגע איבערבייס**, אין דעם "וואַלן און רעגיסטראַציע צענטער", **אין דער UJC הויפּטקוואַרטיר**, להחיות בהם נפש כל חי.
- לויט די גרונד - שטאַטוטן פון דער "יו. דזשעי. סי." פאַראיין איז פאַרזיכערט געוואָרן אַז די גאַנצע פּראָצעדור וועט ווערן געפירט בלויז דורך די פּראָפעסיאָנאַלע פירמע וואָס פאַרמאָגט אַ קראַנטע רעפּוטאַציע צו דורכפירן וואַלן **אָן דעם וואָס ס'זאָל זיין מעגליך פאַר סיי ווענען צו וויסן פאר וועמען איר האָט אָפּגעגעבן אייער שטימע. די וואַלן וועלן געציילט ווערן אויטאָמאַטיש דורך אַ קאָמפּיוטער סיסטעם, אָן קיין שום מעגליכקייט פאר קיינעם צו האָבן סיי וועלכע ידיעה איבער דעם אויסוואַל פונעם יחיד.**
- די שטים מעגליכקייטן וועלן פאַרמאַכט ווערן דינסטאָג וישב אום עלף אַזייגער אין דער אָוונט. דאַן וועט אָפּגעציילט ווערן די שטימען און פאַרעפנטליכט ווערן די רעזולטאַטן.

**קעפּיטאל הילל געגנט:** צו קלויבן 3 פארטרעטער פאר די געגענט

הר"ר **יצחק עקשטיין** הי"ו, הר"ר **יואל שטערן** הי"ו
הר"ר **אבא גרינהוט** הי"ו, הר"ר **הערשל לאווי** הי"ו

**לעיק שאור געגנט:** צו קלויבן 2 פארטרעטער פאר די געגענט

הר"ר **יואל אלכסנדר שטערן** הי"ו, הר"ר **שמעי' שפיצער** הי"ו

**ווארלי הייטס געגנט:** צו קלויבן 4 פארטרעטער פאר די געגענט

הר"ר **חיים גליק** הי"ו, הר"ר **אלימלך היללער** הי"ו,
הר"ר **יושע אלימלך ביטמאַן** הי"ו, הר"ר **שמואל ברוך קאָהן** הי"ו
הר"ר **מאיר מרדכי גראָס** הי"ו

**המה אנשי השם הנקובים בשמותם אישי הציבור**

פּאָלגנד איז די ליסטע פון העסקנים הדגולים, תושבי עירינו המעטירה, וועלכע קאנדידירן און מען וועט קענען אַריינוועלן אַלס "באָורד מיטגלידער" אינערהאַלב די פאַראייניגטע אידישע קהלות פון בלומינגראוו

**כלנו לטובתינו ולטובת עירינו בלומינגראוו המעטירה!**

# דינסטאָג וישב צווישן 7:00 און 11:00 ביינאכט

**UJC Headquarters - 29 Merriewold Lane South**

**ערוועלט "אייערע" שליחי הציבור צו פאַרטרעטן "אייערע" אינטערעסן פאַר'ן קומענדיגן יאָר**

**ובשם ה' נעשה ונצליח!**

# כראנאלאגיע

## כראָנאָלאָגישע איבערזיכט

הֲיִפָּלֵא מֵה' דָּבָר, לַמּוֹעֵד אָשׁוּב אֵלֶיךָ כָּעֵת חַיָּה!

# א געבענטשטע יאר; בלומינגראָוו אינאַיינעם!

• אינטענסיווע שתדלנות לטובת הכלל והפרט • אָנגייענדע שריט דורכגעפירט למען הציבור והיחיד דורכאויס דעם קיילעכיגן "מעגל השנה" • אַ יאָר פון איבערמידליכע פעולות לטובה אינערהאַלב יו. דזשעי. סי. פאַר'ן צוקונפט פון אונזער בליענדע שטאט

## לאמיר מאכן חזרה.... בלומינגראוו מעגל השנה....

## פון ווינטער תשפ"ב ביז ווינטער תשפ"ג

### חשון תשפ"ב לפ"ק

- עס ווערט אָפּגעראָכטן די יערליכע וואַלן פאר יו. דזשעי. סי. **באָורד מיטגלידער**, וואו עס ווערן ערוועלט חשוב'ע אינגעלייט עוסקים בצרכי ציבור באמונה צו פאַרטרעטן געטריי יעדע געגנט באַזונדער.
- **קאָסטבאַרע אינפראַסטראַקטור פראָיעקט** דורכגעפירט מיט הצלחה צו רענאָווירן און איבערפלאַסטערן **"פיין היללל"** ראָוד.
- דראַמאַטישער וואַלן אויסגאַנג שענקט וויכטיגע **"טאַון קאָנסיל"** זיץ פאר היימישער פאַרטרעטער, **העסקן הדגול, ידיד נפש כל חי, מו"ה אלימלך שמשון שוואַרץ הי"ו**, דערקלערט אַלס געווינער פון **"קאָנסיל מעמבער"** פאר "וואָרד 4" אינערהאַלב דעם "טאַון אָוו בלומינגראָוו".
- **ישיבה "תורת צבי ד'ספינקא"** איינקוואַרטירט זיך אין אונזער שטאט, לרומם קרן התורה.




באגריסונג צום עפענונג פון ביהמ"ד אנשי הצדיק ברסלב



ראוד איבערפלאסטערט אויף פיין היל רד










ר' שמשון אלימלך שווארץ ווערט איינגעשווארירן צו זיין קאנסילמאן אמט

## כסלו תשפ"ב לפ"ק

- ניו יאָרק סטעיט סופרים גערוכט אורטיילט לטובת דעם **פאַרלאַנג פון די "יו.דזשעי.סי."** אַז וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט איז פאַרפליכטעט צו **באַזאָרגן טראַנספּאָרטאַציע פאַר מוסדות התורה** אויך אין טעג ווען אַלגעמיינע פובליק שולע איז פאַרשלאָסן.
- אַפּליקאַציע אַריינגעגעבן פאַר אַ **7 מיליאָן דאָלער גרענט** צו גענצליך רעסטאַרווירן דעם גאַנצן **ווילעדזש וואַסער סיסטעם.**
- **פּאַרקינג רעגולאַציעס באַשטימט** פאַר צוקונפטיגע בתי מדרשים וואס וועט ערמעגליכן אַז אַלע הרחבת גבולי הקדושה פּראָיעקטן זאלן האבן גענוג פּאַרקינג פּלאַץ נישט צו שטערן די מתפללים און נישט צו באַלעסטיגן די שכינים.
- פייערליכע מעמד **חנוכת הבית** אָפּגעראַכטן אין **"ישיבה גדולה וויזניץ", בתוככי עירינו,** במעמד עם רב מכל רחבי ניו יאָרק, בהשתתפות כ"ק אדמו"ר מוויזניץ שליט"א וויליאַמסבורג.
- עס ווערט נתייסד דאס בית המדרש המפואר **"אנשי הצדיק" ברסלב אויף 12 דאלאנע גראָוו,** אַלס אַ וואַרעם חסידי'שע פנת יקרת, בהשתדלות ידיד נפש כל חי, הרה"ח מו"ה **שמואל ברוך קאָהן** הי"ו, אַקטיוועער באָורד מיטגלידער אין "יו. דזשעי. סי."
- בית המדרש דקהל **תורת חיים וויזניץ** עפענט איר טויערן מיט טעגליכע סדרי ושיעורי תורה און געהויבענע תפלות מדי יום ומדי שבת בשבתו, בראשות הגה"צ **רבי חיים מאיר האַגער** שליט"א ראש ישיבת וויזניץ בן כ"ק אדמו"ר מוויזניץ שליט"א.
- פרעכטיגע "סטאונגעיט" ביזנעס צענטער **ערהאַלט ענדגילטיגע בילדינג פערמיטן** צו קענען אָנהויבן די בוי אַרבעט.






חנוכת הבית פון בנין ישיבת וויזניץ




מעלדונג איבער די קאמפריהענסיוו פלאן




יערליכע תשפ"ב באורד וואלן




מודעה צום האוזינג קאנפערענס



יו זשעי סי היפטקוואטיר אין פולן אויפבוי שוואונג

## טבת תשפ"ב לפ"ק

- לעצט- מינוטיגע זיצונג צווישן די "יו.דזשעי.סי." פארשטייער, מיט'ן געוועזענעם לוטענאנט גובערנאטאר פון ניו יארק סטעיט, ברייען בענדזשעמין, אין די 48 שטונדן בעפאר די העסליכע "פרעזערוועישאן" טעקס ביל, איז אנגעקומען צום גאווערנער'ס טישל פאר די ענדגילטיגע אינטערשריפט.



זיצונג צווישן די "יו.דזשעי.סי." פארשטייער, מיט'ן געוועזענעם לוטענאנט גובערנאטאר פון ניו יארק סטעיט, ברייען בענדזשעמין

- דער ביל וואלט ארויפגעלייגט אזויפיל ווי 7 פראצענט "פרעזערוועישאן" טעקס אויף יעדע נייע הויז וואס ווערט געקויפט אין דעם גאנצן טאון, צו אפקויפן און פרעזערווירן גרויסע שטחים לאנד אז מען זאל דארט נישט קענען בויען קיין פרישע הייזער.
- אדאנק אינטערווענץ פון עסקני העיר מיט פילע אגענטורן, לאביאונג גרופעס און ערוויילטע באאמטע, האט ב"ה די גאווערנאר ווירקליך געגעבן דעם הילכיגן וועטא וואס האט ארויסגעשליידערט דעם בייזוויליגן געזעץ צו די דערלייכטערונג פון אידן איבער גרעיטער ניו יארק.
- געצוימטע ווילעדזש בודזשעט פאר'ן יאר 22' למספרם ווערט דורכגעפירט אן קיין איינציגן צענט טעקס העכערונג פאר די שטייער צאלער.
- ווילעדזש העלפט ארויס קהלות און בתי מדרשים צו באקומען קאלעקטיוו אריבער א האלב מיליאן דאלער אין פעדעראלע "האומלענד סעקיוריטי" גרענטס פאר שולן זיכערהייט.



סייט פלען עפרוואלס פאר "סליפ אין" חתונה זאל



העכסט געלונגענע האוזינג קאנפערענס ליל ניטל






STATE OF NEW YORK
EXECUTIVE CHAMBER
ALBANY 12224

VETO # 65 December 22, 2021

TO THE SENATE:

I am returning herewith, without my approval, the following bill:

Senate Bill Number 1811, entitled:

"AN ACT to amend the town law, in relation to authorizing the town of Blooming Grove, county of Orange to establish community preservation funds; to amend the tax law, in relation to authorizing the town of Blooming Grove to impose a real estate transfer tax with revenues therefrom to be deposited in said community preservation fund; and providing for the repeal of certain provisions upon expiration thereof"

NOT APPROVED

This bill would authorize the Town of Blooming Grove to establish a community preservation fund to be funded by a new real property transfer tax on all real property transferred within the town. The stated purpose of the bill is to allow the town to protect its farmland and open space and to "implement a plan for the preservation of community character." The fund created by this bill is also permitted to accept gifts in excess of whatever tax revenue is generated by the transfer tax.

There have been well-documented tensions in Orange County between local elected officials and members of the Hasidic community. Similar tensions in the nearby Town of Chester resulted in litigation. It would be inappropriate to sign this legislation at this juncture, while facts are still being gathered about the situation. Therefore, I am constrained to veto this bill.

This bill is disapproved.

Kathy Hochul

היסטאָרישע וועטא איבערגעשריבן דורך גאווערנער האוקעל



בס"ד

United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

Isaac Ekstein, Board Chairman
Joel Stern, Board Representative
Robert S. Rosborough IV, Board Counsel
Joseph Weinberger, Finance / Fundraising
Abraham Grunhut, Chaim Gluck, Sendy Stern, Meilech Hiller, Shia Bitman, Shmiel Burich Kohn, Shmaya Spitzer, Board members

**The following are three very promising grant opportunities for non-profit organizations in NYS.**

**1)** The **Securing Communities Against Hate Crimes** (SCAHC) grant is presently available for New York State non-profits. Organizations can apply for **$50,000** for each facility/building, for up to three buildings, **for a total of $150,000**. Funding can go towards exterior or interior security improvements, including lighting, locks, alarms, panic buttons, fencing, barriers, access control, shatter-resistant glass, blast-resistant film, and PA systems. Funds can also cover costs associated with security training.

Organizations with very high chances of a win are those which have not won an SCAHC grant in the past, as well as those located in counties with a larger population and high incidents of hate crimes.

This grant is due **January 7th***, yet the onboarding process must be started as soon as possible to ensure a successful application.

**2)** The **$150,000 Nonprofit Security Grant Program** (NSGP) is a federal grant that should be released this February. The grant will provide funding for physical security enhancements and other security-related activities to nonprofit organizations throughout America that are at high risk of a terrorist attack. While the details of the grant will not be known until this year's guidance is released, we don't expect many changes from last year's application.

Allowable NSGP costs include planning, equipment for target hardening and physical security enhancements, construction and renovation, training, exercises, maintenance, and sustainment, as well as management and administration fees.

New York State applicants must submit by **April 15th**, so be advised that this grant will have a very small window before it is due given when Pesach falls out this year.

**3)** There is a brand new, soon-to-be-released grant for **$200,000** directed towards America's Synagogues, Day Schools, Other Houses of Worship, and Nonprofits. The **Nonprofit Energy Efficiency Act** will allow organizations to apply for funding to make their energy systems more efficient and generate renewable energy. Allowable costs will include upgrading existing infrastructure like heating, ventilation, and air-conditioning systems, and windows, doors, and roofing.

This grant should be released shortly. The funding will work as a matching grant, covering equipment costs but not the labor to install it.

For more information on any of these grants, or to see if you qualify, please reach out to Malka Millman at **mcmillman@gmail.com** or call **845-269-9671**. Mrs. Millman's grant writing has allowed for the award of over $10 million in funding for a wide variety of organizations from a broad stream of funders.

*For those utilizing Mrs. Millman's grant writing services, there will be a late fee for the SCAHC 2021 grant for organizations that do not submit their retainer fee before December 3 at noon.

האַלב מיליאָן דאָלער אין פעדעראלע "האָומלענד סעקיוריטי" גרענטס



אינסטולאציע פון שבת פייפער

- צוקונפטיגע "סליפ" חתונה זאל ערהאַלט וויכטיגע "סייט פלען" עפּראוואלס זיך צו פּאָראויסרוקן צום קומענדיגן שטאַפּל

## שבט תשפ"ב לפ"ק

- אויסנאַמליך **אינפאָרמאַטיווער האַוזינג קאָנפערענץ** אָפּגעהאַלטן "ניטל נאַכט" אין ביהמ"ד צאַנז זמיגראַד, וואו תושבי העיר האָבן די געלעגנהייט צו ווערן אינפאָרמירט און זיך אויסשמועסן מיט די עסקנים אַלע סאָרט האַוזינג אַנגעלעגנהייטן, בטוב טעם ודעת ובסבר פנים יפות.

## אדר א' תשפ"ב לפ"ק




- לאנג-ערוואַרטעטע **"בילדינג פערמיט"** ערהאַלטן צו אָנהויבן אויפבוי פון **בנין ביהמ"ד המפואר** קהל יטב לב ד'סאַטמאַר - 2 דועלק עוו.
- היסטאָרישע אָנטוויקלונג אין אידישע בלומינגראוו; הילכנדע **"שבת פייפער"** אַרויפגעצויגן און **אינסטאַלירט** באַגלייט מיט סאָפיסטיקירטע קאמיוניקאציע עקוויפּמענט.
- ווילעדזש נעמט אויף **סימפּאַטישער 'בילדינג אינספּעקטאָר'** - **פּאסקאו ענשזינירינג**, וואָס איז אן אויסטערלישע דערלייכטערונג פאר היזיגע איינוואוינער.
- וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט **אַפּעלירט** דעם געריכט **אורטייל** וואָס פאַרלאַנגט זיי צו געבן טראַנספּאָרטאַציע פאר פּריוואַטע שולעס אין די טעג ווען פובליק שולעס זענען פאַרשלאָסן.



- בייזוויליגע און **דיסקרימינירנדע בוי- מאָראַטאָריום** אָפּשטימונג אין "טאַון אָוו בלומינגראוו" **אָפּגעשטעלט** אַדאַנק געניטע באַלדיגע שריט דורך געטרייע עסקני הציבור.



- פרעכטיגער **מעמד נהדר "חנוכת הבית וקביעת מזוזה"** אָפּגעראָכטן אין שפּאָגל -ניי- ערליכע הויפּטקוואַרטיר פון פאַראייניגטע אידישע קהלות אין בלומינגראוו.




פראכטפולע מסיבת חנוכת הבית - פורים קטן




נייע יו.זשעי.סי. פּאַטראָל קאַרד










העכסט געלונגענע עבסענטי בעלט דרייוו, און געוויס פאר די ווילעדזש קאנדידאטן

## אדר ב׳ תשפ"ב לפ"ק





- "סאַוט בלומינגראָוו ביזנעס פּאַרק" ערהאַלט נויטיגע "סייט פּלען" אַפּראָוועלס.
- העכסט געלונגענע **"עבסענטי בעלאָט" דרייוו** אינאיינעם מיט **"רעגיסטראַציע דרייוו"** אָפּגעהאַלטן מיט גרויס ערפאָלג.
- UJC **פסח קיופּאָנס** ווערן פאַרטיילט בעתה ובזמנה, שטייענדיג נאָך אין די "שלושים יום קודם החג", מען זאָל קענען רואיג איינקויפן אויף יום טוב, אין אַ שריט וואָס ווערט באַגריסט דורך אַלעמען.
- ווילעדזש **"פּלענינג באָורד" און זאָונינג באָורד"** ווערן **פולקאָם איבערגעפרישט און רעפאָרמירט** מיט סימפּאַטישע פאַרוואַלטונג פון געטרייע עסקני עירינו.

- וואַלן אויסגאַנג צעמענטירט שטאַנדהאַפטיגע וויזיע פון דער שטאָט פאר די קומענדיגע פיר יאָר; **צווי היימישע טראַסטיס** אינאיינעם מיט׳ן מעיאָר מר. קאַלאַדזש יר"ה ווערן אריינגעוועלט פאר אַ פיר יעריגן טערמין מיט אן איבערוויגענדע מערהייט פון **878 שטימען** בליעה"ר!
- **ביהמ"ד דקהל יטב לב ד׳סאַטמאַר; 31 מעריוואָלד לעין,** ערהאַלט נויטיגע "סייט פּלען" **עפּראָוועלס** פאר בנין בית המדרש מיט **250 פּאַרקינג פּלעצער.**
- **טראַנספּאָרטאַציע אַפּליקאַציעס** פאר **אריבער טויזנט צאן קדשים בליעה"ר** סוקסעספול איינגעשריבן אין לאָקאַלע סקול דיסטריקט - שמחתי באומרים לי בית ה׳ נלך!

## ניסן תשפ"ב לפ"ק

- **שמחים לשמרו ולערב עירובו:** פּאַרענדיגט געוואָרן **"עירוב רבינו יואל"** וואָס נעמט אַרום אונזער גאַנצע שטאָט מיט אַ געוואַלדיגן הידור – **פינאַנצירט אויסשליסליך דורך תושבי**






יו.זשעי.סי. גיט איבער הערליכע הכרת הטוב פּלעק פאר גאווערנער האוקעל



מעמד השלמת העירוב רבינו יואל - זיכוי הפת ושכירת רשות







ערבֿ פסחים אין בלומינגראוו, שריפת חמץ און ספעציעלע ערב פסח גארבעדזש פיקאפ

עירינו. דערהויבענער מעמד "זיכוי הפת ושכירת רשות" אָפּגעראַכטן אין ביהמ"ד עבודת ישראל קאָזניץ.

- נאָבעלע "פסח חלוקה" שפּאָרט איין פאר תושבי העיר טויזנטער דאָלאַרן אין אַ ריזיגע אויסוואַל פון געשעפטן און סערוויסעס פון צרכי פסח בהרחבה גדולה פאר ביליגסטע דיסקאַונטס.
- וּלְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הָיָה אוֹר בְּמוֹשְׁבֹתָם! הערליכער "**קמחא דפסחא קאַמפּיין**" פּאַרטיילט די אָסטראָנאָמישע סומע פון **אַריבער 100,000 דאָלער!** צוזאמגעשטעלט בלויז צווישן תושבי בלומינגראוו פאר תושבי בלומינגראוו, דורך האַרציגע עסקני "קופת עירינו", מיט אַ שטוינענדע הצלחה.
- **שבת פּאַטראָל סערוויס** קארס איינגעפּעדעמט מיט גרויס ערפאָלג אין אַלע געגנטער צו אַרויסהעלפן דעם ציבור אין די יום טוב טעג.
- הערליכער מעמד **קביעת מזוזה** איניינעם מיט **הנחת אבן הפנה פאר ישיבה "נשמת חיים"** בהנהלת הגאון רבי **שמואל צבי מונק** שליט"א, וואָס איז געווען סטאַנציאָנירט אויף




קליף קט, און האָט זיך קובע מקום געווען אין דעם נייעם הערליכן לאָקאַל אין דעם טאַון אָוו בלומינגראוו.

- באַרימטע **ישיבה גדולה בלומינגראוו** עפענט אירע טויערן אויף ראונד היל רד. בתוככי עירינו בלומינגראוו.
- "יו. דזשעי. סי." רעאַגירט מיט אָפּיציעלע **קאָנטער – אַרגומענטן צום ניו יאָרק סטעיט אַפּעלאַט געריכט** אין היסטאָרישן גרעאַנגל צו באַזאָרגן מוסדות התורה מיט טראַנספּאָרטאַציע אין טעג ווען אַלגעמיינע פּובליק שולע איז פאַרשלאָסן.
- לאָקאַלע "**עמערדזשענסי רעספּאַנס דיוויזישאַן**" געגרינדעט אויף שטאַנדהאַפטיגן פאַרנעם; עפענט אַ נייע בלעטל פאר דער בליענדער צוקונפט און זיכערהייט פון אונזער שטאָט.
- **ביהמ"ד דקהל יטב לב** ד'סאַטמאַר; **31 מעריוואָלד לעין**, ערהאַלט ענדגילטיגע פּערמיטן צו אויפבויען דעם בנין הגדול, לבנות ולהקים בית לה'.



די נייע יו.זשעי.סי. פּאַטראָל קארס אריין אין באַנוץ לכבוד יו"ט





פסח חלוקה פאר הונדערטער משפחות תושבי העיר






סעיפטי מאסנאמען איינטערגענומען לטובת הציבור




מאפע פון די וואסער קוועלער אין שכונת דברי חיים וואס מארשירט פאראויס

## סיון תשפ"ב לפ"ק

- צווייטער אַפּעלאַט געריכט אורטיילט קעגן דעם פאַרלאַנג פון "יו. דזשעי. סי." אַנבאַלאַנגט דעם "וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט" טראַנספּאָרטאַציע אָנקלאַגע.

## תמוז תשפ"ב לפ"ק

- ווילעדזש נעמט אויף נייע געניטע **"ווילעדזש טרעזשורער" און פּראָפעסיאָנאַלע אַקאַונטינג פירמע צו באַגלייטן אַלע פינאַנציעלע אקטיוויטעטן** און שפּאָרן גרויסע געלטער פאר שטייער צאָלער.
- יו. דזשעי. סי." פּרעזענטירט **קאָסטבאַרע "אפּיעל" צום העכסטן אַפּעלאַט** געריכט פון ניו יאָרק סטעיט קעגן "וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט", אין **לעגאַלן געראַנגל צו ראַטעווען ממון ישראל.**

## אב תשפ"ב לפ"ק

- מוסדות **תורה ויראה ויואל משה** ערהאלטן נויטיגע 'סייט פּלען' עפּראוועלס און 'בילדינג פּערמיטן' אויף זייער שטח אויף פארט ווארט פלעיס פאר צייטווייליגע טרעילאָרס צום קומענדיגן זמן החורף.
- ביהמ"ד דקהל **מאורות נתן ראדאוויץ** בנהלת הגה"צ אבד"ק שליט"א, ערהאלט נויטיגע 'סייט פּלאַן' עפּראוועל צום קומענדיגן שטאַפּל פון אויפבויען דעם ביהמ"ד החדש.
- ביהמ"ד דקהל **אמרי פנחס קאריץ** בהנהלת הרה"ג אבד"ק שליט"א, ערהאלט ענדגילטיגע בילדינג פּערמיטן לבנות ולהקים בית המדרש החדש און מקוה מפוארה.
- ווילעדזש 'פּלענינג' און 'זאָונינג' באָורדס אקצעפּטירן דעם FEIS פון דער גרויסער **'דברי חיים' דעוועלאָפּמענט**, דער פּראָיעקט גאַלאָפּירט פאראויס צו ברענגען בעז"ה א סופליי פון דירות אויף די היימישע מאַרקעט.

## אלול תשפ"ב לפ"ק

- צייטווייליגער **ביהמ"ד דקהל יטב לב מערוואלד** ערהאלט 'פּערמיטן' צו עפענען אירע טויערן אויף די הייליגע טעג.
- מַזָל טוֹב בלומינגראָוו! ווילעדזש באָורד באַשטעטיגט לאַנג ערוואַרטעטע און **היסטאָרישע טויש אין לאָקאַלע זאָונינג געזעץ, אויסשליסליך פאר די יעצטיגע געגנטער פון תושבי עירינו**, וואָס טוט אויסטערליש דערלייכטערן די הרחבת גבולי הקדושה פאר היים אייגנטומער צווישן די גרעניצן פון עיר עוז לנו.



- ריזיגע **"פּעפּערמינט" סופּערמאַרקעט** אין האַרץ פון שטאָט ערהאַלט **'בילדינג פּערמיטן'** און הייבט אָן העפטיגע בוי-אַרבעט אַהערצושטעלן לאָקאַלע גראָסערי צענטער.
- ברייטע און **גאָר נוצבאַרע "סוכות קיופּאָן" פּעקעדזש** ווערט פאַרטיילט פאר אַלע תושבי העיר אַלס א באַשיינפּערליכע הילף אין די גרויסע חודש תשרי הוצאות.

## תשרי תשפ"ג לפ"ק

- נאָבעלע "**קופּת עירינו**" פאַרטיילט ווידעראַמאָל אָסטראָנאָמישע סומע פון **אַריבער "הונדערט טויזנט" דאָלער** וואָס מאַכט לעכטיג אידישע שטיבער, אַדאַנק



שטח מוסדות תורה ויראה ויואל משה וואס רוקט זיך פאראויס



אלול תשפ"ג מ'גרייט צו דעם באזן פאר די נייע פעפערמינט גראסטערי



קהל ובהמ"ד לעיק שאור ערהאלט ווערינס וואס ערלויבט פראיעקט צו שפאנען פאראויס בעזרת השם יתברן

געטרייע אַרבעט פון עסקנים החשובים און האַרציגע שטיצע פון תושבי בלומינגראוו באחדות.

## חשון תשפ"ג לפ"ק

- הערליכע פּראָגראַם פון חברת **"עונג שבת" שע"י קופּת עירינו גייט אַריין אין שוואונג, צו פאַרטיילן "שבת פעקלעך" מיט אַ הרחבה פאר תושבי העיר מדי שבוע בשבוע**, מיט'ן גרעסטן דרך כבוד ובהצנע לכת.




- **ביהמ"ד דקהל יטב לב ד'סאַטמאַר 2 ראונאוק**, ערהאלט נויטיגע 'פּערמיטן' פאר אויפבוי פון 'מקוה מפוארה' לשם ולתפארת.
- ישיבה **"תורת צבי ד'ספינקא"** ערהאַלטן 'פּערמיטן' פאר 'מקוה מפוארה' צום באַנוץ פון די תלמידי הישיבה.
- הערליכע מעמד **"חנוכת הבית"** פאר ישיבה **"אור החיים טאָהש"** בתוככי עירינו, בהשתתפות כ"ק אדמו"ר מטאָהש שליט"א.
- **ישיבה גדולה "שער נפתלי"** איז זיך קובע מקום אין אונזער שטאט בלומינגראוו המעטירה.
- מאַכטפולער וואַל כח פון **קרוב צו טויזנט שטימען! ביי מיד-טורם עלעקשאָנס** שיקט פּאָזיטיווע כוואַליעס צו ערווייַלטע באַאַמטע אויף אַלע ראַנגען, איבער וואקסענדע איינפלוס פון דאָס בלומינגראווער אידנטום.
- ווילעדזש ערהאַלט **"בעזרת השם" 'גרענט'** עפּראָוועל פון **נאָנט צו פינף מיליאָן דאָלער**, צו רענאָווירן אונזער אַלטן פאַרנאַכלעסיגטן וואַסער סיסטעם קארגע צען חדשים נאך די אפליקאציע אדאנק העפטיגע שתדלנות און דעם אחריות וכח האחדות ביי די שטים בודקעס.
- קאָסטבאַרער פּראָיעקט אַריין אין פּאַקטישע שוואונג צו **אינסטאָלירן לאַנג – ערוואַרטעטע און וויכטיגע טראַפיק סיגנאַל ביי פארנומענענע "מאַונטן – 208" אינטערסעקשאָן**. נאָך לאַנגע חדשים פון אינטערוועניץ גרייט מען שוין אַצינד ענדליך צו דעם באָדן פאַר'ן נייעם טראַפיק סיגנאַל וואָס וועט ברענגען אן אויסטערלישע הרוחה פאר מאָטאָריסטן צו פאַרמיידן זיכערהייט זאָרגן.
- **"סליפ האטעל" סופּערמאַרקעט פּראיעקט** ערהאלט נויטיגע "סייט פלען" עפּראָוועלס צו פּאָראויסגיין מיט אויפבוי פון **גרויסער גראָסערי צענטער**.
- **"סליפ האטעל" חתונה זאל פּראיעקט** ערהאַלט נויטיגע "בילדינג פּערמיטן" צו אָנהויבן פּאַקטישע בוי אַרבעט פון פּרעכטיגע **אולם הגדול והמפואר** פאר שמחות פון תושבי עירינו בלומינגראוו המעטירה והגלילות.

## כסלו תשפ"ג לפ"ק

- **און צום צווייטן מאל!** טראָץ די הימל שרייענדע יקרות און דעם עקאנאמישן מצב טוט די אחריות'דיגע ווילעדזש באורד אפּשטימען דעם בודזשעט פאַר'ן יאָר 23' למספּרם **אָן קיין איינציגן צענט טעקס העכערונג** פאר די שטייער צאָלער וואס ברענגט הכרת הטוב ביי די ווילידזש איינוואוינער און ברענגט כוואליעס פון רעספּעקט און קידוש השם ביי אלע ארומיגע מוניצופאליטעטן.



די פלענער פאר׳ן נייעם ביהמ"ד דקהל קאריץ אויף די דאלאס גאס



ביהמ"ד קהל יטב לב אויף 2 דועלק וואס בויעט זיך אין פולן שוואונג

# עפּילאָג:

## דער שיינער "עבר" און דער לעכטיגער "עתיד"

ווען מען קוקט צוריק צו נאָך אַ קיילעכיגע יאָר וואָס איז אויף אונז פאַריבער אנגעפולט מיט אזויפיל הצלחה, אזויפיל סייעתא דשמיא און אזויפיל ברודערליכע אחדות מיט קעגנזייטיגע פאראייניגטע כוחות דורך אלע תושבי העיר ביינעזאם, קען מען בלויז זאָגן אַז ב"ה מיר תושבי העיר זענען שוין "איינגעוואוינט"... עס איז שוין אַ חלק פון דעם רוטין און ס׳איז אַ זעלבסט פאַרשטענדליכע זאַך אַז ביי יעדע גרעסערע און קלענערע פראבלעם וואס זאל נישט פאסירן, איז באַלד פאַרהאַן אַן אדרעסע... ס׳זענען דא אונזערע געטרייע שלוחים, וואס וועלן טון אלעס אויף דער וועלט צו העלפן, צו באגלייטן און צו פארזיכערן אז יעדער יחיד און דער גאנצער ציבור באקומט זייערע נויטיגע און בארעכטיגטע געברויכן און באדערפענישן, אויפ׳ן שענסטן פארנעם.

עס שפירט עס ווירקליך יעדער איינציגער איינוואוינער אַז ער איז א גלייכער שותף אין יעדע באשלוס און אין יעדע שריט פון דעם באורד, וואס זענען בסך הכל די פארטרעטער פון אונז אלע. אָן קיין היציגע לופט, אָן קיין שווערע געפילן, מיט א רואיגקייט און מיט א פאראייניגקייט, כולנו כאחד למען עתיד עירינו לשם ולתפארת.

בלומינגראוו האָט באַוויזן צו זיין אַ היסטאָרישער קידוש שם שמים און א פלא וואס ווערט באוואונדערט דורך די גאנצע אידישע וועלט, וויאזוי מען לעבט אזוי שיין אלעס אינאיינעם, און וויאזוי יעדער איינוואוינער האט כסדר הנאה פון דעם געוואלדיגן כח הציבור, וואס וועט האפענטליך נאכמער פארשטארקערט ווערן מיט׳ן כח פון אחדות און מיט די פאראייניגטע אחריות פון אונז אלע.

און בלומינגראווער אידן שפירט עס זייער גוט. מען ווייסט אז ס׳איז שוין דא צו ווענדן צו רעדן, ס׳איז דא ווער עס איז גרייט צו שתדלן און עוסק זיין בצרכי ציבור להנאתם וטובתם, און ס׳איז דא א פאראיין וואס טוט פארטרעטן און רעפרעזענטירן דעם כח היחיד פונקט ווי דעם כח הרבים, וחפץ ה׳ בידם, בידינו, הצליח למעלה מן המשוער.

עד הנה עזרוני רחמך! ס׳איז אונזער אַלעמענס געבעט אז מען זאל ווייטער מצליח זיין צו העלפן און גרינגער מאכן פאר׳ן כלל און פאר׳ן פרט און צו נאכמער מוסיף והולך זיין לעשות חיל למענינו, למען דורותינו, עד ביאת הגואל!

**קומטס ארויס שטימען אין די מאסן ביי די יערליכע יו.זשעי.סי. וואלן אנצוהאלטן דעם כח היחיד ורבים על הכלל והפרט און געבן חיזוק והערצה פאר די געטרייע עסקני העיר "אייערע עקסקלוסיווע פארטרעטער" פאר נאך א קיילעכיג יאר פול מיט הרחבת גבולי הקדושה און טובת הנאה פאר אונז אלע "בלומינגראוו באחדות!"**

**ובשם ד׳ נעשה ונצליח!**

#3

אין דער סעריע...

# וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל

## חדשים לבקרים; פרישע שטאַפּלן פון פּאַרפירערייען, דריידלען און פּאַנטאַזיעס

ווי שוין ערוועגט אין דער פאַרגאַנגנהייט זענען מיר צום באַדויערן עדות איבער אַ "הייפּ" פון פּראַפּערטיס אין אונזער געגנט, וועלכע ווערן פאַרקויפט דורך געלטגייציגע פליפּערס און בראָוקערס פאר אָסטראָנאָמישע אַבנאָרמאַלע סומעס, מיט אומרעאַליסטישע חשבונות פון צוקונפטיגע אפּראוולס וואָס וועלן בדרך הטבע קיינמאָל נישט באַשטעטיגט ווערן.

די שטחים זענען קיינמאָל נישט ווערד געווען אַזעלכע געלטער און וועלן דאָס קיינמאָל נישט ווערד זיין, אָבער מענטשן ווערן לײַדער אַריינגענאַרט און אויפגעהייטערט דורך פאַרשווינען וועלכע האַלטן הייס די מאַרקעט, דורך צוזאָגן פּאַנטאַסטישע פאַלשע רווחים וואָס זענען נישט באַזירט אויף קיין שום זאַכליכע חשבונות.

אָט דער מציאות האָט צוגעברענגט דעם קומענדיגן שטאַפּל, ווען עס שפּילט זיך אָפּ טראַדיציאָנאַלע אָריגינעלע "פּאָנזי" שווינדלערייען צו אַרויסנעמען געלט פון מענטשן אומבאַרעכטיגט און שלא ביושר. וואָס ס'איז זייער וויכטיג אַז דער ציבור זאָל זיין אויפמערקזאַם דערוועגן, נישט צו אַריינפאַלן בפח יוקשים צוליב חסרון ידיעה.

עס האַנדלט זיך פון געוויסע וועלכע ווילן אַריינגיין אין קאָנטראַקט אויף געוויסע פּראַפּערטיס, וואָס מען בעט דערפאַר הימלשרייענדע פּרייזן.

אָבער כדי צו קענען געבן די אָסטראָנאָמישע דאַון פּעימענטס, דאַרף מען דאָך אויפקומען מיט דאָס געלט. פאַרשטענדליך אַז קיין שום פּראָפעסיאָנאַלע באַנק א.ד.ג. זענען נישט מסכים צו באָרגן געלט אויף אַזעלכע סאָרט נישט געשטויגענע חלומות, וואָס איז הונדערט פּראָצענט נישט פאַרזיכערט און נישט קראַנט.

## חלומות שוא ידברו

אַז מען קען נישט באַקומען דאָס געלט אויף אַן אָרנטליכן געוועגליכן וועג איז אַנטשטאַנען אַ נייע פענאָמען: מען פאַרקויפט **פאַנטאַזירטע "הייזער" געבויעט אויף לופט און אפשר דאס אויך נישט!**

נאָך איידער מען האָט זעלבסט אָפּגעקויפט אַ פּראַפּערטי הייבט מען שוין אָן פאַרקויפן קאָנטראַקטס פאר הייזער וואָס וועלן קיינמאָל נישט געבויעט ווערן אויף דעם שטח. אַזוי אַרום האָפט מען צו קענען אַראָפּלייגן אַ דאון פּעימענט מיט געלט וואָס אומוויסנדע מענטשן **האָבן געגעבן**, נישט וויסנדיג אַז מען האָט זיי פּשוט אָפּגענאַרט!

## אין כאן לא בית ולא עלי', דער אמת איבער דעם ספּרינג לאדזש קאטעזשעס א.ג. דעוועלאפּמענט

בייגעלייגט איז אן אויסשניט פון אַן אַרטיקל וואָס איז פאַרעפנטליכט און אַרויסגעשיקט געוואָרן אין די לאָקאַלע צייטונגען צו טויזנטער אַדרעסן אין קרית יואל, איבער אַ מ'כלומר'שטע דעוועלאָפּמענט אין בלומינגראוו, אונטער א מכובד'יגן פּרעסטיזשפולען נאָמען.

דער אַרטיקל פּרעזענטירט אן אָנגעבליכע דעוועלאָפּמענט פון 250 דירות פאר "כלומר'שטע" ביליגע פּרייזן, וואו מען איז שוין אפילו גרייט צו נעמען דאון פּעימענטס פונעם ציבור, און עס קומט שוין אַזש באַגלייט מיט אַ סקיצע וויאַזוי די הייזער וועלן אויסזען.

פאר בלומינגראווער איינוואוינער וועלכע זענען שוין לײַדער גוט באַקאַנט מיט די סאָרט אינטריגעס האָבן די עדס געקאָסט אַ ביטערן שמייכל. מיר אַלע ווייסן אַז אַזאַ סאָרט דעוועלאָפּמענט קען נישט פּאַסירן אין בלומינגראוו, טאַקע דערפאַר ווייל די היזיגע איינוואוינער זענען דירעקט אַהערגעקומען כדי נישט צו וואוינען אין אַזעלכע סאָרט צושטופּטע בנינים.

מיר תושבי בלומינגראוו האָבן אַ קלאָרע וויזיע, מיר ווילן זיך **בויען אין דער ברייט - נישט אין דער הייעך**, ווי דאָס איז טאַקע קלאָר באַשטעטיגט געוואָרן אין די אויספירליכע זאָונינג מעלדונגען דורך דעם ווילעדזש. **אַזעלכע געביידעס קומט איבערהויפּט נישט אין באַטראַכט.** ניטאַמאָל איז דאָ אַ רעדע צו בויען אפילו ענדליך צו אַזאַ סאָרט צעדרוקטע געבוי וואָס איז פאַרשפּראָכן געוואָרן אין יענעם אַרטיקל.

אָבער פאר אומוויסנדע אידן פון אַנדערע געגנטער, וועלכע מוטשען זיך ליידער אַזוי שטאַרק מיט דעם דירות קריזיס, איז דאָס יאָ אויפגענומען געוואָרן ערנסט. אידן ווייסן פשוט נישט דאָס מציאות און אַז מען הערט שוין ענדליך איבער אַ פרישע דעוועלאָפּמענט ווערט מען באַגייסטערט דערפון. מען האָט שוין אָנגעהויבן נעמען דעפּאַזיטס פון מענטשן וועלכע ווילן געבן אַ דאון פּעימענט פאר די נישט געשטויגענע הייזער.

## מגדלים פורחים באוויר...
## פאַקטן און דעטאַלן אַרום דעם פרישן פאנטאזיע

צו פאַרשטיין בעסער וויאַזוי עס אָפּערירט ליידער די פרישע סאָרט "חלומות באספמיה", לאָמיר אויף אַ מאָמענט באַטראַכטן די טרוקענע פאַקטן אַנבאַלאַנגט דעם א.ג. דעוועלאָפּמענט.

דער אַרטיקל איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן דורך געוויסע בראָוקערס און אינוועסטירער, וועלכע האבן פּרובירט צו לייגן אַ האַנט און אָפּקויפן דעם פּראַפּערטי, אָבער נישט האָבנדיג דאָס געלט פאר אַ "קלאוזינג" צו פארטיגן דעם קאָנטראַקט האָבן זיי איינפאַך באַשלאָסן צו אַרויסקומען מיט אַזאַ "מארקעטינג דריידל" אַזוי אַרום צו קענען אויפקומען מיט די מיליאָנען וואָס מען דאַרף אַראָפּלייגן. **ווייל אָן קיין אייגן געלט צו אָפּקויפן דעם שטח, איז געבליבן די איינציגע מעגליכקייט צו זאַמלן הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן פון תמימי לב וועלכע וועלן פאַלן פאר דעם טאַקטיק** און וועלן צאָלן דעפּאַזיטס אָן קיין שום באַזיס.

**די דעפּאַזיט געלטער ווערן גענומען פון מענטשן אַלס אַן "הלואה" אָן קיין פּראָצענטן!** מען נעמט זיך קלאָר אויס אַז דאָס געלט איז נישט מחייב גאָרנישט. זיי קענען באַשליסן סיי ווען אין די קומענדיגע יאָרן צו אויפהייבן די "שוין אזוי יעצטיגע הויכע פרייזן" פון הייזער לויט זייער באַגער, און דאָס געלט פאַרזיכערט גאָרנישט פארן לוקח.

**קיינער האָט זיך נאָך ניטאַמאָל געוואָנדן צו די "פּלענינג" אָדער "זאָונינג" באָורד פון דעם ווילעדזש, צו איבערשמועסן די פּלענס פון אַזאַ פּראָיעקט!** קיינער האט קיינמאל נישט באקומען סיי וועלכע 'הוה אמינא' פון א באשטעטיגונג וועלכע סאָרט דעוועלאָפּמענט און וויפל דירות מען קען ערוואַרטן לויט די זאָונינג געזעצן.

## הזאת נעמי ?! וואו איז דאָס אחריות ?!

אין אַ זייטיגע נאָטיץ: ווינציגער פון 48 שטונדן נאָכדעם וואָס דער אומ'אחריות'דיגער אַרטיקל איז ערשינען אין די צייטונגען האָט דאָס שוין אָנגעמאַכט אַ געוואַלדיגע שאָדן פאר אונזער געגנט, אין די קאָרידאָרן פון די אָראַנדזש קאַונטי באַהערדע.

מיר לעבן היינט אין אַ וועלט וואָס אַלעס איז אָפּענע אינפאָרמאַציע, אויך אַרטיקלן וועלכע ערשיינען אויף אידיש. **פאַקטיש איז שוין דער אַרטיקל געווען ביי דער קאַונטי אַזוי פרי ווי ערב סוכות נאָכמיטאָג!** זיי האָבן באַקומען דעם איינדרוק דערפון, כאילו די ווילעדזש האָט אויסגעהערט אַזאַ אַפּליקאַציע און איז גרייט צו אַקאָמאַדירן אַזעלכע פּלענער.

דורכאויס חול המועד האָבן מיר באַקומען גאָר אַ שאַרפן בריוו פון די אָראַנדזש קאַונטי פּלענינג דעפּאַרטמענט און די DEC מיט אַ טענה, פאַרוואָס די ווילעדזש גיט ערלויבענישן פאר אַזעלכע צווייפלהאַפטיגע דעוועלאָפּמענטס וואָס איז נישט גוט פאר קיינעם, איבערהויפּט אַז ס'איז דאָך ניטאַמאָל פאַרהאַן די נויטיגע אינפראַסטראָקטור פון טראַפיק, סוער, וואַסער, א.א.וו. פאר אַזאַ פּראָיעקט.

מענטשן וואָס ווילן ווערן רייך איבערנאַכט, מיט געלט וואָס איז נישט זייערס, האָבן צום באַדויערן באַוויזן צו אַרויפשמירן אַ נאַסן ליילעך אויף דער גאַנצער געגנט, להבאישנו ביושב הארץ, אונז צו באשמיצן ביי די לאָקאַלע באַאַמטע, אין אַ צייט וואָס מען אַרבעט אַזוי שווער צו אָנקניפּן בעז"ה גוטע באַציאונגען מיט אַלע אַגענטורן, צו אַרבעטן אינאיינעם דורכצופירן זאַכן לעגאַל, מענטשליך און אידישליך פאר די טובת הכלל והפרט.

אָבער די גרעסטע ווייטאָג פון אַלעם איז אַז דער גאַנצער אַרטיקל איז דברי הבאי, עס פאַרמאָגט נישט קיין שום האַפט! דאָס איז



אַ פשוט׳ע ״פאָנזי סקעם״, ווען מען נעמט גרויסע דעפאַזיטס פון מענטשן, אויף אַ פראַפּערטי וואָס ווען דער ארטיקל איז געלאפן האט דאס נאָך ניטאַמאָל באַלאַנגט פאר די וועלכע נעמען דאָס געלט, און עס גייט קיינמאָל נישט באַקומען קיין אפראוולס פאר אַזעלכע סאָרט געביידעס!

## והכסף יענה את הכל!

דורכאויס דעם יום טוב און אין די נאכפאלגנדע טעג האבן מיר באקומען אומצאליגע טעלעפאן רופן פון יחידים זיך נאכפרעגן איבער דעם דעוועלאפמענט און מיר האבן פאר יעדן איינעם וואס האט אונז גערופן קלאר געמאכט די טרוקענע פאקטן און דעם אמת לאמיתו, און כדי עס זאל נישט געזאגט ווערן ״מדשתקי שמע מינה דניחא לי״ האבן מיר זיך פארבינדן מיט די בראוקערס און זיי קלאר געמאכט אלע פרטים בנוגע דעם דעוועלאפמענט און אז זיי נעמען אפגעבלוטיגטע אויסגעהארעוועטע געלטער בזדון ובשאט נפש פון אומוויסנדע יחידים אויף צווייפלהאפטיגע וואונשטן און האלבע דמיונות און אז זיי זאלן וויסן אז זיי טוען דאס אויף זייער אייגענע אחריות.

ברוכים הבאים

מקבלים בזה מע״כ
אנ״ש לרגל בואם
להשתקע בעירינו

ר׳ **דוד יחזקאל האלפערט** הי״ו
ב״ר **שלום** • חתן ר׳ **שלמה הערש פעלדמאן**

ר׳ **יעקב יצחק גאלד** הי״ו
ב״ר **יוסף דוד** • חתן ר׳ **יודל נאה**

ר׳ **חנוך זונדל שווארץ** הי״ו
ב״ר **יצחק אייזיק** • חתן ר׳ **ישראל שלום פריעדמאן**

ר׳ **משה פריעד** הי״ו
ב״ר **יחיאל** • חתן ר׳ **פישל גרובער**

ר׳ **מנחם טעסלער** הי״ו
ב״ר **שלמה בנציון** • חתן ר׳ **יודל נאה**

ר׳ **יואל גאטליעב** הי״ו
ב״ר **אברהם פנחס גאטליב** • חתן ר׳ **מרדכי מיטטעלמאן**

צוליב וואס עס מופן כסדר אריין נייע משפחות, און נייע אידישע הויז אייגענטומער, איז מעגליך אז מיר האבן נישט יעדן ארויפצושטעלן אויף די ליסטע

יהא בואכם לברכה, ואתכם הסליחה

איבריג צו זאגן אז די בראוקערס האבן פאר אפילו א רגע זיך נישט אפגעהאלטן פון ווייטער צו מארקעטן דעם פראיעקט און נעמען דעפאזיטס פון דעם ציבור אן אפילו א ברעקעלע אחריות, מענטשליכקייט און ארנטליכקייט.

## סוף דבר הכל נשמע:

אַלזאָ טייערע אידן, לאָמיר עס חזר׳ן איינמאָל און נאָכאַמאָל:

- לייגט נישט אַראָפּ אייער שווער אויסגעהאָרעוועטע געלט פאר קיין שום ״דאון פּעימענט״, פון קיין שום הויז, אייער איר זענט ״הונדערט פּראָצענט פּאַרזיכערט״ אַז ס׳רעדט זיך פון אַן אָרנטליכע און אויסגעהאַלטענע מקח, וואָס איז אַ ״דבר שבא לעולם״ און נישט פּאַרקערט.
- זייט פּאַרזיכערט אַז אייער געלט קומט נישט אָן ״על קרן הצבי״; מאַכט זיכער אַז דער שטח האָט אפראוולס, עס פּאַרמאָגט די נויטיגע זאָונינג רעגולאַציעס פון וואַסער, סוער א.א.וו.
- פּאַרשפּרייט אויך דעם מעסעדזש ווייטער, פאר אייערע נאָנטע און באַקאַנטע: מען גייט נישט אַריין אין קיין שום דיעל איידער מען איז קלאָר אַז דאָס איז לעגיטים און קראַנט!
- אויך אין פאַל וואָס ס׳איז אַ פּאַרלעסליכע דיעל, מאַכט זיכער אַז איר צאָלט נישט צו באַקומען אַ קאָנטראַקט, נאר איר צאָלט דאָס געלט דירעקט פּאַר׳ן מוכר! זייט אויפמערקזאַם אַז מען זאָל אייך נישט ״פליפּן״ דעם קאָנטראַקט נאר איר האַנדלט גלייך מיט׳ן מוכר אָן קיין דריידלעך.
- זייט פּאָרזיכטיג אַז איר צאָלט טאַקע אַ באַרעכטיגטע פּרייז, וואָס איר וועט נישט באַוויינען פאר לאַנגע יאָרן. פּאַלט נישט קיין קרבן פאר ״מייקרי שער״ וואָס פּאַרקויפן אייך גאָלדענע בריקן אָן קיין האַפּט!

**אינערהאַלב די ווילעדזש אָפּיסעס, שטייען מיר אייך גרייט צו העלפן צו יעדע צייט, והתורה חסה על ממונם של ישראל**

**שפּירט באַקוועם זיך צו פּאַרבינדן סיי ווען, צו ״ווערי‏פייען״ יעדע דעוועלאָפּמענט דאָ אין ווילעדזש, צי ס׳איז אַקטיוו און קראַנט**

**אימעיל: Info@VOSBG.com**

מיר האָפן ווייטער צו ערשיינען מיט דעם וויכטיגן סעריע, להציל ממון ישראל ולהסיר מכשול ונזק פון אונזערע אידישע ברודער.

**ובשם ה׳ נעשה ונצליח.**

בס"ד

**Blooming Grove**
# Shuttle

Info Line: 845.637.1414
BloomingGroveShuttle@gmail.com

בס"ד

## לכבוד מיינע גוטע פריינט, שטיצער, ידידים און שכנים שיחי' תושבי עירינו בלומינגראוו הע"י

מד' מצעדי גבר, מיט די דאזיגע שורות טוה איך אייך מודיע זיין אז דער ביז יעצטיגער בלומינגראוו שאטעל, ווערט בעז"ה פולקאם איבערגענומען דורך די לאקאלע סאוט בלומינגראוו ווילעזש און זיי וועלן עס אפערירן אלץ לאקאלע ווילעזש שאטעל.

## אונזער פירמע וועט בעז"ה ווייטער פונקציאנירן צו סערווירן דעם ברייטן ציבור

# בלויז פאר לאנג דיסטענס און טשארטער טריפס

איך וויל מיר באדאנקען פאר אייך אלע מעימקא דליבאי פארן שטיצן און נוצן דעם שאטעל דורכאויס די פילע זמנים ומצבים וואס איך בין אדורך, און פארן האבן די עקסטערע פארשטענדעניש און גערולד דורכאויס די צייט, איך האב פאר אייך די גרעסטע הכרת הטוב און דער באשעפער וועט אייך באצאלן מיט אלעם גוטן.

עקסטער וויל איך מיר באדאנקען פון טיפן הארץ פאר מיינע גוטע ידידים וואס האבן אזוי שווער געארבעט מיר צו העלפן דאס אנצוהאלטן ב"ה

## האדמו"ר מזאבליטוב שליט"א
## מו"ה הערשל פאכמאן הי"ו
## מו"ה אלימלך שמשון שווארץ הי"ו
## מו"ה הערשל לעווי הי"ו

**וואס האבן זיך אוועקגעגעבן בלב ונפש און מיר געשטאנען צו הילף דורכאויס די לעצטע תקופה, הקב"ה ישלם שכרם מאוצרו הטוב!**

**די סקעזשול און אפדעיטעד אינפארמאציע איבער אונזער טשארטער לאנג דיסטענס שאטעל וועט געמאלדן ווערן אין די נאענטע צוקונפט**

הצלחה רבה

יואל אבערלאנדער

בס"ד

# VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE

811 Route 208, Monroe NY 10950 · Phone: 845-782-2600 · Fax: 845-782-2601
P.O. Box 295, Blooming Grove, New York 10914 · www.vosbg.com

**Mayor**
George Kalaj

**Deputy Mayor**
Abraham Weiss

**Trustees**
Yitzchok Feldman
Asher Guttman
Zalmen Rosner

**Village Counsel**
Scott Ugell

**Special Counsel**
Ira Immanuel

## מודעה משמחת

### אל מעלת כבוד ידידינו היקרים
### תושבי עירינו בלומינגראוו המעטירה

ווי באזונדער געמאלדן ווערט די ביז יעצטיגער שאטעל געפירט דורך העסקן החשוב מוה"ר יואל אבערלענדער הי"ו ממייסדי עירינו טראנספארמירט צו א טשארטער און לאנג דיסטענס שאטעל

**דעריבער טוען מיר מעלדן אז בעז"ה צו סערווירן דעם ציבור וועט**

# דער ווילעזש איבערנעמען די לאקאלע שאטעל ראוטס

## די פונקטליכע פרטים איבער די ווילעזש רוטס, פרייזן און סקעדזשועלס וועלן געמאלדן ווערן אין די קומענדיגע טעג בשעה טובה ומוצלחת.

גלייכצייטיג טוען מיר וואונטשן פאר אונזער ידיד וידיד כל תושבי עירינו בלומינגראוו המעטירה מוה"ר יואל אבערלענדער הי"ו וואס שטייט אונז צו הילף צו קענען איבערנעמען די לאקאלע ראוטס ווירטשאפט, א הארציגן צלח ורכב, כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך!

דער באשעפער זאל דיר שענקען נשיאות חן הצלחה מרובה וסייעתא דשמיא ושפע וברכה רבה לרוב בכל מעשי ידיך ועסקיך! דער עסק זאל שטייגן און בליען לנחת רוח מתוך הרחבת הדעת ומנוחת הנפש וכל טוב סלה!

המברכים אותך באות ידידות והוקרה ובתפלה להצלחתך בתמידות

**אברהם משה הכהן ווייס,** דעפיוטי מעיאר
**יצחק אלחנן פעלדמאן, אשר גוטמאן, לייב ראזנער,** טראסטיס
**יואל שטערן, יצחק עקשטיין,** ווילעזש עקזעקיוטיווס

בשם מאות תושבי עירינו בלומינגראוו המעטירה





# שטימע קאַסטן

## בריוו צו דער רעדאַקציע



מיר ווילן הערן "אייער שטימע"!

**אין דעם קאָלום ערשיינען די בריוון און קאָמענטאַרן פון בלומינגראָווער איינוואוינער צו דער רעדאַקציע.**

**אדרבה, שרייבט! איבער סיי וועלכע נושאים איר האַלט ס'קען פאַראינטערעסירן און נוגע זיין אַנדערע תושבי העיר, למען תועלת הציבור.**

## איבער די קאלירטע שילדן אין דעם יעצטיגן סעזאן

אַ גוטן. אַלס אַן איינוואוינער פון די שכינות'דיגע קרית יואל האַלט מען ב"ה מיט די אויסטערלישע הרחבת גבולי הקדושה וואָס שפילט זיך אָפּ ביי אייך אין דער שטאָט מיט אַזאַ אחדות און ערנסטקייט, אַזש אַז ס'וואונטשט זיך מעומק הלב די ברכה פון "אחותינו את היי לאלפי רבבה".

פונקט איז מיר אויסגעקומען צו אַריבערפאָרן דעם רד. 208 און כ'האָב אָנגעמערקט אַז אויף די זוילן זענען אַרויסגעלייגט געוואָרן קאָלירטע שילדן וואָס באַגריסן די איינוואוינער מיט אַ בילד פון אַ מנורה, אין נאָמען פון דער ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו. האָט עס מיר געוואונדערט צי איז דאָס אַ נייע ערשיינונג און וואָס איז דער באַדייט דערפון ?

מיט אכטונג און שעצע אויף אייער געוואלדיגע ארבעט. כמותכם ירבו בישראל.

ג.מ.ה.

ענטפער פון דער רעדאַקציע:

אונזער שטאט, ווי באַקאַנט, פאַרמאָגט נאָך עטליכע הונדערט אַלגעמיינע איינוואוינער שאינם בני ברית, וואָס זייער שטייגער במשך אַלע פאַרגאַנגענע יאָרן פלעגט זיין אַז אין דעם יעצטיגן סעזאָן פון זייערע חגאות להבדיל אין קץ, האָט דער ווילעדזש אַרויסגעהאָנגען שילדן מיט "העפּי האָלידעי" באַגריסונגען.

פאַראַיאָר ווינטער איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס דער ווילעדזש איז פולקאָם אַריבער אונטער אַ היימישע אַדמיניסטראַציע און דערפאַר האָט מען נישט אַרויסגעלייגט די שילדן, נישט שפּירנדיג פאַר וויכטיג צו פאָרזעצן די נאַרישע טראַדיציע.

וואָס מען האָט זיך אָבער נישט געכאַפּט איז אַז אַזאַ קליינינגקייט האט ממש פאַראורזאַכט אַ שטורעם, צוערשט צווישן אונזערע שכינים דאָ אין ווילעדזש וואָס האָבן דאָס נישט געקענט אַראָפּשלינגען, און דערנאָך איז דאָס אפילו אַריבער צו די נייעס אַגענטורן וועלכע האָבן דאָס באַלד אויסגעשמירט מיט אַ העסליכן אַרטיקל,(זעהט בייגעלייגט). ס'האָט זיך אָנגעהויבן טומלען כאילו אידן ווילן צעשטערן זייערע פייערונגען און מבטל זיין די טראַדיציעס פון דעם געגנט...

אויך דאס יאָר האָט מען שוין אָנגעהויבן הערן מיט עטליכע וואָכן צוריק ווי מענטשן האָבן זיך פאַראינטערעסירט צי מען וועט צוריקשטעלן דעם איינפיר. ס'איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן אַז "משום דרכי שלום" איז יאָ ראַטזאַם צו אַרויסלייגן די נייע שילדן וואָס טוען אַמבעסטן אָפּשפּיגלען דעם קומענדיגן סעזאָן אויף אַן איידעלן פאַרנעם, צווישן די ליניעס, מיט אַ בילד פון אַ מנורה, וואָס זאָל האָפנטליך צופרידנשטעלן אונזערע שכינים אָן קיין איבריגע גערודער, צו פאַרזיכערן בעז"ה אַ פרידליכע צוזאַמלעבן, מתוך שלום ורוגע, וואָס איז פאר די טובה פון אונז אַלע.




According to some residents of the Village of South Blooming Grove who say that it is the new leaders that are biased; that unlike almost all of the surrounding municipalities who put up holiday decorations for both the Jewish community (menorahs) and Christians (Christmas Decorations),(a practice that the Village has followed in previous years), VSBG put up no Christmas decorations for the first time in years.  The large evergreen that is usually decorated, and the Village Hall have no decorations, and the wreaths along Route 208 are also absent. One villager said they she was told that the ornaments were old and were disposed of.

**א ציטאט פון די באשולדיגען אין די פרעסע, פארגאנגעם יאר**

# ברכת מזל טוב
## לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

כ"ק **אדמו"ר מצאנז זמיגראד** שליט"א
לרגל הולדת נינו למז"ט
אצל נכדו הר"ר **שלום** הי"ו
בן בנו הרה"צ ר' **חיים שלמה** שליט"א

הגה"צ **אב"ד קרעמניץ** שליט"א
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

הרה"צ ר' **יודל הורוויץ** שליט"א
ממעליץ בלומינגראוו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **יודל נאה** הי"ו
לרגל אירוסי נכדתו למז"ט

ר' **חיים משה בינער** הי"ו
לרגל נישואי נכדו למז"ט

ר' **יואל אלכסנדר שטערן** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **משה קרויס** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

הרה"צ ר' **יודל הורוויץ** שליט"א
ממעליץ בלומינגראוו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **שמשון אליעזר מינץ** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **שמואל הערש ווייס** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **חיים גליק** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **אפרים זעלקאוויטש** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **דוד משה צבי בערקאוויטש** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **שמואל זאב לאנדא** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **יוסף סאנדל** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **יואל אבראמאוויטש** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **אברהם פיש** הי"ו
לרגל אירוסיו למז"ט

ר' **דניאל שאלילאף** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **אשר זאב ניימאן** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **משה יואל פעקעטע** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **יוסף ראזענפעלד** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **ישראל קעללער** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **אבא בערקאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **מאיר שמואל היימליך** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יצחק בער רייכמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **מאיר וויינשטאק** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **שמואל פישער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **משה אקער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **חיים יחזקאל מייזליש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **חיים שלום מערמעלשטיין** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יצחק מרדכי האלפערט** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **שלום דוב ליבערמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יודל קויפמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **אברהם שלמה ווייס** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **אברהם דאסקאל** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **אברהם שלמה ווייס** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **יעקב חיים כ"ץ** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **דוד זיכערמאן** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **יואל אבראמאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **יואל זילבערשטיין** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **נפתלי הירצקא שווארץ** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **שמשון אליעזר פערענץ** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **שלמה יקותיאל הערשקאוויטש** הי"ו
לרגל הולדות בתו למז"ט

ר' **יצחק עקשטיין** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' **שלמה צבי ראטה** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' **יואל** בר"ש **אבערלענדער** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' **אהרן הכהן כ"ץ** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' **שלמה אפפעל** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' **אלכסנדר טעטענבוים** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' **צבי פנחס קעללנער** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

יזכו כולם לראות רב נחת דקדושה מתוך הרחבת הדעת


ביטע טעקסט צו:
845.237.4828
אייער סעל נומער

זייט אינפארמירט!
זיך אויפצוסיינען צו באקומען די
יו. זשעי. ס. טעקסט און טעלעפאן
אלערטס און אפדעיטס




BG shtima
P. O. Box 808
Monroe NY 10949